# עַם סְגֻלָּה

## אידיש



נומער 6

# עַם סְגֻלָּה

## אידיש




יצא לאור על ידי עסקני

**וועד לחיזוק הדת**

בהתעודדות הרבנים הגאונים שליט"א

חודש מנחם אב תשס"ג ברוקלין נ.י.

בקונטרסים הקודמים קבלנו הסכמות מהרבנים הגאוה"צ שליט"א דלהלן:

- **הגה"צ ר' ישראל חיים מנשה פריעדמאן שליט"א ראב"ד סאטמאר**
- **הגה"צ ר' געציל בערקאוויטש שליט"א דומ"ץ קרית יואל**
- **הגה"צ ר' הילל וויינבערגער שליט"א אבד"ק סעררדאהעלי ודומ"ץ נייטרא**
- **הגה"צ ר' מאיר מודרים זילבער שליט"א אבד"ק יאוואזשנא**

| |
|---|
| ☜ צוליב די ריזיגע הוצאות פון דעם קונטרס - זעצן, דרוקן, סטעפלען, פּאסט - בעטן מיר פון אייך, אויב האָט איר הנאה פון דעם ווערק, ביטע שיקט אַריין לכל הפחות דריי דאָלער צום פאָלגענדן אַדרעס, **וכל המרבה הרי זה משובח** |


**Beir Yehidah Publishing**
**C/o Am Segila**
**154 Lee Ave.**
**Brooklyn, N.Y. 11211**


**נדיבי לב וועלכע ווילן זיך באַטייליגן מיט גרעסערע סכומים**
**לזכות את הרבים לעילוי נשמת פון קרובים, ביטע רופט:**
(718) 935-1601

| לעילוי נשמת<br>האשה החשובה והצנועה מרת יטל בת ר' יחזקאל שרגא ע"ה לעפקאוויטש<br>נפטרה פסח שני תש"ם לפ"ק<br>ת'נ'צ'ב'ה' | |
|---|---|
| לעילוי נשמת הגה"צ<br>רבי עוזר בן הרה"ק רבי יחיאל מיכל זצ"ל<br>אבד"ק ב. אויוואראש<br>ולעילוי נשמת הצדיקת<br>מרת פריידא בת מוה"ר משה ע"ה<br>הרבנית מב. אויוואראש | לעילוי נשמת<br>האברך היקר מאוד נעלה בנש"ק הרה"ת מוה"ר<br>ר' מרדכי יצחק הלוי טירנויער ע"ה<br>בן הרב אלימלך שליט"א<br>נפטר בדמי ימיו פסח שני תשס"ג לפ"ק<br>ת'נ'צ'ב'ה' |


נדפס בדפוס האחים גרוס
GROSS BROS. PRINTING CO. INC.
Tel. (201) 865-4606 Fax (201) 865-4764
Printed in U.S.A.

## פון די חשוביע לייענער

# אַמעניטאַרן אַמפּלימענטן ריטיק

מיר האָבן ערהאַלטן פיל אינהאַלטס-רייכע בריוו. וויבאַלד אָבער מיר זענען באַגרעניצט אין פלאַץ, וועלן טייל פון די בריוו אַוועקגעלייגט ווערן פאַרן קומענדיגן נומער אי״ה.

מיר ווילן זיך אַנטשולדיגן פאַר די וועלכע בעטן אָן אויפהער אַז מיר זאָלן זיי שיקן די פריערדיגע נומערן. מיר האָבן נישט געבליבן דערפון. עס ווערט געדרוקט אַ באַגרעניצטע צאָל צוליב די גרויסע הוצאות הדפוס. ביטע פאַרשאַפט דאָס פון אַ חבר׳טע, קרובה. די וועלכע האָבן אונז געשיקט דערפאַר געלט זאָלן דאָס אָפּרעכענען פון די קומענדיגע נומערן.

מיט אַבט
**המערכת**

*

לכבוד עם סגולה:

ביטע שרייבן אַ מקור אין די הלכה אויף די פאָלגענדע דריי פונקטן פון צניעות: 1) אַז די הויכקייט פון די האַלז דאַרף זיין צוגעדעקט מיט אַ קראַגן. 2) אַז מ׳זאָל זיך נישט פּערפיומען. 3) אַז די מיידלעך זאָלן נישט אַרומפאָרן מיט בייקס.

מיט פיל דאַנק
פון פאַראויס
מ.וו.

ענטפער פון די רעדאַקציע:

1) רבינו יונה ספר היראה דף רל״ח, יעב״ץ דיני בין המצרים, יע״ד ח״א דרוש י״ב וח״ב דרוש ט׳, ספר מחניך קדוש אות ד׳, י״ט, וכ״מ מהצמח צדק במסכת ברכות פרק ג׳, שו״ת שבט הלוי ח״ז סימן י׳, ושו״ת קנה בושם.

2) בשבת ס״ב איתא שזה גרם חורבן ביהמ״ק, משנ״ב סי׳ רי״ז ס״ק ט״ז, שו״ע אבן העזר סי׳ כ״א סעי׳ א׳ ״ולא יריח בבשמים שעלי״, ואם האשה הולכת כך בשוק הרי מכשילות הרבים להריח.

3) אין די ״הוראות לצניעות״ פון הגאון הרב וואָזנער שליט״א שטייט: פאָרן מיט אַ ביציקל איז פאַר אַ מיידל אַקעגן צניעות, חוץ ביי גאָר קליינע מיידלעך.

*

לכבוד די חשוב׳ע עורכים פון קונטרס עם סגלה, אייער אַרבייט איז אַ טייערע וואונדערליכע אוצר פאַר כלל ישראל. זאָל השי״ת העלפן אַז אייערע רייד זאָל נתקבל ווערן ביים עם סגלה, ובזכות נשים צדקניות זענען מיר אויסגעלייזט געוואָרן (פון מצרים) און וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן במהרה בימינו.

איך וויל אייך בעטן איר זאָלט אביסל מער מעורר זיין איבער די שרעקליכע פירצה וועלכע שטייגט איבער אַלע מאָדעס, דאָס איז דאָס ענין פון ״שמאָלע״ און ״קורצע״

סקוירטס. עס איז נישט צו פאַרשטיין וויאַזוי מענטשן וועלכע זענען אמת׳ע מדקדקים במצות, טייערע ארבע מינים, מצות שמורה משעת קצירה, און אויף דעם ענין פון גיין בצניעות - ברייטע און לאַנגע קליידער - וועלכע איז יסוד קדושתינו, דת יהודית, דת משה וישראל, אין דעם איז מען מקיל אָן קיין היתר. עס איז נישטאָ קיין איין פוסק וואָס איז דאָס מתיר. אויב די פרוי איז אַ ״שוגג״ ווייל זי ווייסט נישט, אָבער דער מאַן איז דאָך אחריות דערויף, נישט ווייניגער ווי ער איז אחריות אויף די כשרות פון די מאכלים וועלכע עס קומען אין שטוב אריין.

יישר כח למפרע

הק׳ י.ש.

*

לכבוד די חשוב׳ע עסקנים שליט״א:

ביטע מעורר זיין אויף די איבערגעטריבענע הוצאות פון אַ חתונה. די טויזנטער׳ס גיסן זיך ווי וואַסער אויף מינדערוויכטיגע זאַכן, טייערע חתונה קליידער פאַר קינד און קייט (און טאַקע נאָר פאַר די איינע חתונה...), פאַרשידנאַרטיגע בלומען, בילדער-כאַפּער ווערן געדינגען פאַר טייער געלט (אַלס עידי קידושין...), קונסטליכע קעיק מיט קליינטשיגע קיכעלעך פון אַלע סאָרטן און אַלע קאָלירן, ווערן באַשטעלט פאַר די שבע ברכות. - דער גראָדער שכל (וועלכער ליגט באַגראָבן ערגעץ אונטער אַ באַרג פון מותרות און פלאַנצעריי) שרייט: ״וויאַזוי איז מעגליך וועגן כבוד פון געציילטע שטונדן פון די חתונה זאָל מען באַצאָלן אַ פּרייז וואָס מען האָט זיך ערוואָרבן און אָפּגעשפּאָרט עטליכע יאָר? (אָדער צוזאַמגעשטעלט ביים ״טיי אָוועגט״...) - אין איין נאַכט אויסגיסן אַ פלאַג פון טויזנט טעג? אַבי ס׳זאָל קלינגען אַז ס׳איז געוועזן אַ הערליכע חתונה...

נער הייתי גם זקנתי - אין מיינע יונגע יאָרן ווען איך האָב געוואוינט אין יוראָפּ, זענען געווען דריי שטאַפּלען ביי די הוצאות: 1) איך מוז עס האָבן 2) איך מעג עס האָבן 3) לוקסוס. ווען איך האָב חתונה געמאַכט מיין ערשטע קינד דאָהי אין אַמעריקע, איז שוין נאָר געווען צוויי שטאַפּלען: 1) איך מוז עס האָבן 2) איך מעג עס האָבן (לוקסוס איז בכלל נישט קיין עבירה, אַלעס מעג מען). היינט ווען איך מאַך שוין ב״ה חתונה אייניקלעך, איז שוין נאָר פאַרהאַן איין שטאַפּל: 1) איך מוז עס האָבן!...

ברכה והצלחה

(-)

*

לכבוד עם סגלה:

ביטע אויפמערקזאַם מאַכן אויף דעם פּראָבלעם וואָס געוויסע פּאַרטי-אָרגעניזירער אַדווערטייזן - צווישן די ראַפלעך וואָס מ׳קען געווינען - פריצות׳דיגע שייטלען. די באַטרעפנדע פרויען מיינען געוויס נישט קיין שלעכטס, אָבער עס איז אַ בושה און אַ האַרץ ווייטאָג אַז פון אַ דבר מצוה זאָל אַרויסקומען אַזאַ מכשול צו אַדווערטייזן אַ זאַך וואָס גדולי ישראל האָבן גע׳אסר׳ט.

אַזוי אויך איז בכלל נישט יושר אַז אין אַ חרדישע צייטונג זאָל אַדווערטייזט ווערן נישט כשר׳ע מלבושים און שייטלען, נעמענדיג אין באַטראַכט אַז דאָס ווערט געליינט דורך טויזנטער אידישע קינדער.

יישר כח פאַר׳ן אָפּדרוקן מיינע שורות

מ.ש.

*

צו די חשוב׳ע אַרויסגעבער פון עם סגולה.

ביטע אָפּדרוקן אין אייער אויסגאַבע די פאָלגענדע מעשה:

איך האָב געהערט פון הרב החסיד ר׳ י.צ.ג. שליט״א אַ תלמיד פון הגה״ק רבי יוסף צבי דושינסקי זצ״ל, אַז זיין רבי ר׳ יוסף צבי האָט אַמאָל דערציילט, אַז אין די שטאָט קאָלאָמיי איז אַמאָל געווען אַ מגיפה ל״ע, און הגה״ק רבי הלל קאָלאָמייער זצ״ל האָט גוזר תענית געווען אויף די שטאָט. ביי מנחה פונעם תענית האָט רבי הלל געהאַלטן אַ פייערדיגע דרשה, און מעורר געווען קעגן די ״מאָדעס״. בעיקר האָט ער פאַרפירט אַקעגן די שייטלען וועלכע זענען דעמאָלטס איינגעריסן געוואָרן. דאָס התעוררות איז געווען אַזוי שטאַרק אַז די נשים האָבן אָנגעהויבן אַראָפּוואַרפן פון ווייבער שול די שייטלען איינע נאָך די אַנדערע. און, גלייך דערנאָך האָט זיך די מגיפה אויפגעהערט.

רבי יוסף צבי האָט אויסגעפירט מיט אַ קרעכץ: ״ווען מיר וואָלטן עס געמיינט מיט אַזאַ אמת׳דיג האַרץ ווי דעם הייליגן צדיק רבי הלל קאָלאָמייער ז״ל וואָלטן מיר אויך געקענט פועל׳ן ביי די נשים דאָס זעלבע״.

יישר כח

ח.א.וו.

קרית יואל

*

לכבוד די עסקנים פון עם סגלה:

...עס איז מיר אויסגעקומען זיך צו טענה׳ן מיט אַ פרוי איבער דעם ״עם סגלה״, יענע האָט גע׳טענה׳ט אַז עס איז דאָ פיל וויכטיגע טעמעס - חוץ צניעות - וועלכע דאַרף גערעדט ווערן. איך שיק דאָ מיין ענטפער פאַר די טענה.

ווען אַמעריקע האָט לעצטנס צובראָכן דעם כוסעין רעזשים, האָט זי בעיקר געצילט אויף ״באַגדאַד״, פאַרוואָס? ווייל דאָרט איז די הויפּט שטאָט, אויב די הויפּט איז איינגענומען, איז שוין דאָס איבריגע בלויז קליין געלט.

צניעות איז ״יסוד״, דער פונדאַמענט פון קדושת ישראל. אויב דער פונדאַמענט איז גוט און פעסט, דאַן גייט שוין דאָס איבריגע פיל גרינגער.

מיט פיל דאַנק

(-)

*

חשוב׳ע עסקנים פונעם קונטרס עם ״סגלה״:

איך וויל זיך זייער באַדאַנקען. איר טוט זייער אַ גוטע זאַך.

אַזוי ווי איך האָב געזעהן אינעם קונטרס נומ׳ 5 ווי איינער שרייבט וועגן דיקע שטרימפּ (אַזוי ווי די אַלטע 100). ווייל איך בעטן אויב איר ווייסט צו וועמען זיך צו ווענדן דערוועגן, ווייל איך האָב טאַקע אויך פּרובירט צו זוכן אין די געשעפטן פון די אַלטע נומ׳ 100, אָבער עס איז שוין נישט דאָ... די נייע נומ׳ 100 איז דאָך עטוואָס דינער און אביסל קלעבעדיג צו די קליידער.

איך וויל זיך נאָכאַמאָל באַדאַנקען, יישר כח פאַר אייער אויסערגעוועהנליכע אַרבעט און חיזוק לצניעות! השי״ת זאָל העלפן איר זאָלט ווייטער קענען טאָן און אויפטאָן!!

יישר כח

(-)

לכבוד די רעדאַקציע פון עם סגלה:

ביטע אָפּדרוקן מיינע שורות, אפשר וועט עס אויפטוהן ביי איינע פון מיינע חבר׳טעס:

1) היינט איז אַ וועלט וועלכע עס שאָקלט רח״ל מיט אידישע צרות, די געפאַרבטע אויגן און פנימ׳ער ווערן נעבעך געוואַשן מיט בלוטיגע טרערן, די שרייענדיגע קאָלירן פון די קליידער ווערן געענטפערט מיט געשרייען

פון יסורים, די אומווערדיגע שניטן און שליצן מאַכן נעבעך רח״ל שניטן אין אידישע קערפערס, די שמאָלע סקוירטס מאַכן שמאָל אידישע פרנסות. אידן מאמינים בני מאמינים ווייסן אַז מען שלאָגט נישט אומזיסט, נאָר מען מאָנט עפעס פון אונז.

ווען אַ פרוי גייט אָנגעטוהן מיט אַ פריצות׳דיג שייטל, אָדער מיט אַ פריצות׳דיג קלייד, מיט אַרויפגערוקטע ערמל, שרייענדיגע קאָלירן, באַגלייט מיט אַ איבלדיגע גערוך וואָס מאַכט אַ ריח רע אין די גאַנצע סביבה, מיט אַ קאָלירטע פנים ווי אַ ׳פורים קלאַון׳, זאָל מען איר אויפמערקזאַם מאַכן מיט שיינע רייד, אַז זי זאָל רחמנות האָבן אויף כלל ישראל. זי זאָל זיך אָנקליידן כדת וכדין, און דורכדעם צוריקהאַלטן פיל אידישע צרות און פיל עמוירזשענסי פאַרטי׳ס.

2) עס איז אַ פרעכע געמיינהייט אַריינצוברענגען אַ מאַן פאָטאָגראַפירער צווישן פרויען. עס לייגט זיך פשוט נישט אויפ׳ן שכל וויאַזוי מען קען - אין געהויבענע שמחה מאָמענטן - צוברעכן די גדרי הצניעות אַריינצושלעפן אַ מאַן (אפילו אַ פרייער איד) צווישן פרויען!

3) אין עס סגולה נומ׳ 5 האָט איר אויסגעשטעלט מצבות פון אונזערע הייליגע אמהות אויף אַ וואונדערבאַרן אופן, איך מיין אַז מ׳קען צושטעלן צו די ליסטע אויך די פאָלגענדע 2 מצבות:







## שערי תירוצים...

... איך האָב נישט געוואוסט

... איך בין נישט געווען אינפאָרמירט

... איך האָב נישט באַמערקט

... קיינער האָט מיר נישט מוסר געזאָגט

... איך האָב פאַרגעסן

... יעדער טוט דאָס

... איך האָב צוגענומען געוויכט

... איך האָב עס געקויפט פאַר חצי בחנם

... איך קען עס נישט אַוועקוואַרפן, בל תשחית

... ס׳איז זייער הייס

**און פאַרט וועט מען דיך פאַרהאַלטן ביים יום הדין!**

## כתר מלוכה

**וַה' הֶאֱמִירְךָ הַיּוֹם לִהְיוֹת לוֹ לְעַם סְגֻלָּה** - "השי"ת האָט דיך אָפגעשיידט היינט צו זיין פאַר אים אַ באַליבט פאָלק!" (דברים כ"ו)

וְהָיוּ לִי אָמַר ה' צְבָאוֹת לַיּוֹם אֲשֶׁר אֲנִי עֹשֶׂה **סְגֻלָּה** וְחָמַלְתִּי עֲלֵיהֶם כַּאֲשֶׁר יַחְמֹל אִישׁ עַל בְּנוֹ הָעֹבֵד אֹתוֹ (מלאכי ג')

השי"ת האָט אונז געגעבן תרי"ג מצוות. 613 **מתנות** האָט מען אונז געשאָנקען! יעדע מצוה איז נאָך אַ בריליאַנט. דער הייליגער בעל התניא שרייבט אַז דער גרעסטער מלאך איז גרייט אָוועקצוגעבן אַלע זיינע גרויסע מדריגות זיך צו טוישן מיט איין ציצה פון די פיר ציצית פון אַ איד!

דאַקעגן זענען אָבער פאַרהאַן מענטשן וואָס די 613 מצות איז ביי זיי 613 פראָבלעמען... אוי, מ'קען נישט יעצט, ס'איז שבת, נאַ... אוי, מ'טאָר נישט, ס'איז פסח... ווען איז שוין אויס שבת, אויס יו"ט... אוי, כ'בין פליישיג, אַ שאַד... די ברויט איז המוציא אָדער מזונות? מ'דאַרף זיך וואַשן? בענטשן? אוי וויי... ביי די דאָזיגע מענטשן וואָס אידישקייט איז ביי זיי אַ פּראָבלעם, איז געוויס צניעות אַ גרויסע אָפּקומעניש, וואָס ווי נאָר זי קען זיך אַרויסדרייען דערפון איז הכל ריוח. וויפיל מען מוז טוט מען בלית ברירה. "מרור" עסט מען וויפיל מ'מוז יוצא צו זיין און פאַרטיג...

אַ איד וואָס לעבט אָבער מיט אַ ציל אויף דער וועלט, ער ווייסט אויף וואָס ער איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן אויף דער וועלט, ער ווייסט אַז דער תכלית פון די גאַנצע בריאה איז צו טוהן יעדע רגע אַ נחת רוח להבורא יתברך שמו, דער ווייסט אַז אַ מצוה איז נישט קיין "פּראָבלעם" ח"ו, אַ מצוה איז דאָס גרעסטע "גליק". צניעות איז נישט קיין קנס ח"ו פאַר אַ אידישע טאָכטער, צניעות איז אַ "קרוין" פאַר אַ אידיש קינד. דאָס צייכנט אָפּ אַז מיר זענען אַן **עם סגולה**, מיר זענען **בני מלכים**. דאָס איז אונזער פאָהן און אונזער שטאָלץ! אַן אמת'ער געטרייער בירגער שעמט זיך נישט מיט'ן פאָהן פון זיין לאַנד!

מיר מאַכן יעדן טאָג די ברכה פון **עוֹטֵר יִשְׂרָאֵל בְּתִפְאָרָה** - השי"ת האָט אונז באַקרוינט מיט אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ. פון די גמרא ופוסקים זעהט מען אַז די ברכה גייט אַרויף אויף דעם הוט און קאַפּל וואָס מיר טראָגן אויפ'ן קאָפּ, וועלכע איז אַ קרוין פאַר אַ איד און אַ סימבאָל פון יראת שמים (יאַרמולקע, "ירא-מלכא"). אָבער צוליב וואָס מאַכן פרויען אויך די דאָזיגע ברכה, אויב נישט אויף אונזער שיינע אידישע טיכל מיט וועלכע מיר דעקן זיך צו דעם קאָפּ בצניעות?!

## דרשת הרה״ג מוה״ר רבי משה מאיר ברייעף שליט״א אב״ד איבראן

(אויפ׳ן פראָגראַם פון ״כה תאמר״)

**לאָמיר זאָגן אַ משל:** אַ גרויסער קעניג האָט געהאַט אַ באַליבטע בת יחידה, פאַרשטענדליך אַז ער האָט איר אויסגעקליידט מיט קעניגליכע קליידער, און אויסגעצירט מיט טייערע הערליכע צירונג. דאָס קינד איז אַרויס אויף די גאַס, האָט זי באַגעגנט אַ גרופּע פויערן וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין השגה אין די טייערקייט און איידלקייט פון די קליידער און צירונג פון די בת מלך. זייער פּראָסטער שכל האָט פאַרשטאַנען אַז זייערע פויערישע זעק זענען פיל בעסער און שענער ווי אירע קליידער, דעריבער האָבן זיי אָנגעהויבן שפּעטן און לאַכן פון איר. פאַרשטענדליך אַז זי האָט זיך נישט צוטוהן געמאַכט דערפון, ווויסנדיג דעם דראַסטישן חילוק צווישן אירע טייערע בגדים צו זייערע שמאַטעס. מיט די צייט אָבער איז דאָס לאַנד געוואָרן אַלס מער און מער פּראָסט און פויעריש, אַזוי אַז זי האָט זיך פּשוט געשעמט צו גיין אויף די גאַס, זעענדיג ווי יעדער לאַכט איר אויס זאָגנדיג אַז זי האָט אָן די געמיינסטע סחורה. זי האָט זיך שוין געוואָלט אָנטוהן פּונקט ווי זיי. איז זי געלאָפן צו איר טאַטן דעם קעניג מיט אַ געוויין זאָגנדיג אַז זי שעמט זיך מיט אירע קעניגליכע קליידער.

נעמט איר דער טאַטע אַרום מיט ליבשאַפט זאָגנדיג: פאַר וועם שעמסטו זיך מיין קינד? ווער קען דיר דען עפּעס געבן און העלפן? קום אַהער מיין קינד, ביי מיר ביסטו חשוב, איך ווייס דעם אמת אַז דאָס איז שיין. ווען דו גייסט אַרויס אויף די גאַס נעם דיר מיט אַ קליין ביכעלע, יעדעס מאָל ווען מ׳לאַכט פון דיר אויף דעם וואָס דו קליידסט זיך לויט מיין געשמאַק, צייכן דאָס אַריין אינעם ביכעלע אַז מ׳האָט געלאַכט. דערנאָך וועל איך דיר פאַר יעדן לאַך געבן אַ שיינע מתנה.

**דער נמשל איז:** השי״ת דער גרויסער קעניג האָט אונז באַפוילן צו גיין אָנגעטוהן מיט איידעלע באַשיידענע קליידער, דאָס איז אונזער כבוד און אונזער צירונג, כל כבודה בת מלך פנימה. ווייניג רעדן, שטיל רעדן דאָס איז אונזער שיינקייט. צוביסלעך אָבער איז דאָס פאָלק געוואָרן פאַראַנדערשט, מ׳קליידט זיך פּראָסט לויט די פאַרשידענע מאָדעס, אַנשטאָט אַז דאָס מיידל זאָל גיין מיט שיינע צאַמגענומענע האָר, געפלאָכטענע האָר, גייען זיי מיט צולאָזטע האָר, און אַזוי לאָזט מען נאָך פונעם לבוש אַלס מער און מער, אַזוי ווייט אַז די פּאָר

ערליכע אידישע טעכטער וועלכע ווילן גיין ערליך בצניעות, ווערן אַראָפּגעקוקט דורכ׳ן המון עם. די נסיונות זענען געוואַלדיג גרויס, קיינער וויל נישט זיין אַראָפּגעקוקט, פאַנאַטיש, פאַרשעמט. זיי האָבן זיך נישט מיט וואָס צו שטאַרקן, עס ווערט ערגער און ערגער. זאָגט אָבער השי״ת פאַר אידישע טעכטער: **כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב, וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה מִכָּל הָעַמִּים** - ״ביי מיר זענט איר באַליבט!״ - די מענטשן געבן אייך דען עפעס? ביי מיר האָט איר אַלעס גוטס, איך האָב אייך ליב, און איך וועל אייך באַצאָלן פאַר די אַלע שוועריגקייטן. **לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא** - ״לויט׳ן צער וועט זיין דער שכר!״ - ווען מ׳דאַרף אַ ישועה, צו וועם גייט מען? צו די גאַס? ניין, צום גרויסן באַשעפער! דאַרף מען דאָך נאָר געפעלן פאַר אים.

**טייערע אידישע טאָכטער**: יעדעס מאָל ווען איינער לאַכט פון דיר, ווען אַ חבר׳טע קרומט מיט די נאָז אויף דיין הייליגן לבוש, יעדעס מאָל וואָס דו שטאַרקסט זיך און טוסט זיך אָן ווי עס דאַרף צו זיין, ווערט דאָס פאַרצייכנט אין אַ גאָלדענעם בוך ביים גרויסן מלך מלכי המלכים. ווען עס קומט אַ צייט וואָס מ׳דאַרף אָנקומען צום באַשעפער, אין בעסטן פאַל אַ שמחה, אַ שידוך, האָסטו עפעס מיט וואָס צוצוגיין בעטן: ״רבונו של עולם, עפן אויף דאָס ביכל, גיב אַ קוק, איך האָב נישט געזוכט צו געפעלן פאַר קיינעם נאָר פאַר דיר, איך האָב נישט באַקומען קיין כבוד דערפון. יעצט דאַרף איך אָנקומען צו דיר, לאָמיך טאַקע געפעלן פאַר דיר אַז דו זאָלסט מיר העלפן״. די דאָזיגע ווערטער ברעכן דאָך דורך אַלע טויערן, מוז דאָך השי״ת איר העלפן, זי האָט דאָך אַלעס אוועקגעוואָרפן נאָר צו געפעלן פאַר השי״ת. טאָמער אָבער חלילה זי האָט זיך יאָ געקליידט לויט די ווינט פון די גאַס קעגן דעם ווילן פון באַשעפער, ווי קען מען זיך עפענען דאָס מויל צו בעטן פון השי״ת, ווען מ׳ווייסט ביי זיך דעם אמת אַז מ׳האָט זיך נישט גערעכנט מיט׳ן באַשעפער.

מיר דאַרפן אַריינברענגען אין די קינדער אַ שטאַרקייט נישט נתפעל צו ווערן פון קיינעם. קוקן וואָס איז חשוב פאַר׳ן באַשעפער און פאַרטיג!

חז״ל זאָגן אונז אַז אין זכות פון נשים צדקניות וועלכע האָבן נישט פאַרענדערט זייער נאָמען, שפּראַך, קליידונג, זענען מיר אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים. וואָס איז געווען די נסיון אין מצרים? נישט בלויז צו שטיין פעסט קעגן די טמא׳נע מצריים. אין מדרש שטייט אויפ׳ן פסוק **וַחֲמֻשִׁים עָלוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל**

**מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם**, אַז איינס פון פופציג אידן (לויט איין שיטה) זענען אַרויס פון מצרים. 49 חלקים זענען פאַרדאָרבן געוואָרן אויסמישנדיג זיך צווישן די מצריים, און זיי אַלע זענען אויסגעשטאָרבן ביי מכת חושך.

אָט דאָס איז געווען דער נסיון פון די נשים צדקניות אין מצרים. לאָמיר זיך פאָרשטעלן ווי עס לערנען אין אַ קלאַס 50 מיידלעך, 49 גייען נישט אָנגעטוהן ווי אַ איד דאַרף גיין, און איין מיידל גייט בצניעות. דאָס איז דאָך אַ ביטערע טאָג-טעגליכע נסיון אויף טריט און שריט, און טאַקע נאָר איין פופציגס׳טל פון כלל ישראל איז דאָס בייגעשטאַנען, און אין זייער זכות איז געווען די גאולה. משה רבינו האָט צוזאַמגענומען אידן איינמאָל אַ וואָך, שבת קודש, און אידן האָבן זיך אויסגעוויינט פאַר אים אויף זייערע שוועריגקייטן, און משה רבינו האָט זיי מחזק געווען זאָגנדיג עס וועט נאָך קומען אַ צייט וואָס מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן פון דאָ, און **דעמאָלטס וועט איר זיין די גליקליכע און די דערהויבענע.**

דאָס זעלבע דאַרפן מיר חזר׳ן מיט אונזערע קינדער, אַז אפילו עס וועט קומען צו אַ מצב אַז זיי וועלן זיין איינס פון פופציג וואָס גייען בצניעות, זאָלן זיי געדענקען אַז ס׳וועט קומען די צייט בקרוב וואָס מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן פון דאָ, און דאַן וועט מען אויפהייבן די דאָזיגע קינדער ווייזנדיג: **אָט דאָס זענען די טייערע קינדער וועלכע האָבן דערנענטערט די גאולה שלימה מיט זייער צניעות!**

די וועלכע זוכט צו געפעלן אַנדערע, האָט נעבעך אַ שווער לעבן, זי איז פאַרשקלאַפט פאַר יעדן, ממש אַ שפחה כנענית. לאָמיר זיך פאָרשטעלן ווי אַ גרופע מענטשן קומען אַריין צו איינעם אין שטוב און טוען אים איינטיילן: ״דריי זיך אַהער, בייג זיך אַהין. טוה דיך אָן דאָס אויפ׳ן קאָפּ און דאָס אויף די פיס״. דער בעה״ב וועט זיי גלייך אַרויסטרייבן פון שטוב: ״גייט פון דאַנעט און לאָזט מיך לעבן וויאַזוי איך וויל!״

זוכן צו געפעלן פאַר אַנדערע פון די גאַס דאָס האָט נישט קיין שיעור און קיין עק. מ׳ווערט ווי געבינדן די הענט, מ׳האָט נישט קיין אייגענע מיינונג. לאָמיר אויסלערנען די קינדער צו געפעלן נאָר פאַר איינעם: פאַר׳ן איינציגן באַשעפער, **דער בורא כל העולמים!**

*

## פאַקטן וואָס מיר האָבן זיך געלערנט פון די מעכטיגע
# מלחמה
## אַמעריקע - איראַק

**נאָטיצן פון: גענעראַל ראַמספעלד...**

1) ווען מ'זעהט איין וואָס ס'איז ריכטיג, טאָר מען זיך נישט רעכענען מיט די דרויסנדיגע וועלט. יעדער האָט זיך זיינע אייגענע אינטערעסן און מ'זוכט נישט דעם ריכטיגן ציל. נאָכמער, אפילו מיט די אייגענע באַפעלקערונג (חבר'טעס, קאָזינעס) דאַרף מען זיך נישט רעכענען נאָכ'ן אַנערקענען דעם ריכטיגן באַשלוס!...

2) אינמיטן די מלחמה ווען דער שונא ווייזט דיר אַ ווייסע פרידליכע פאָן, ווער נאָך נישט אָפּגעקויפט. מעגלעך אַז נאָכ'ן דערנעענטערן זיך וועט ער דיך שיסן... (דער יצר הרע קויפט דיך אונטער אַמאָל מיט אַפּאָר מצוה'לעך כדי דיך צו קענען שיסן ח"ו מיט יסודות קדושת דת ישראל!)

3) ווער נישט אַזוי איבערגעשראָקן ווען דער שונא סטראַשעט! - איראַק האָט געוואָרנט אַז אויב מ'גייט אַריבער דעם רויטן שטריך אַרום באַגדאַד, וועלן זיי אויסשיסן כעמישע וואָפן. מיר זענען אַריבער דעם שטריך, וואָס האָט פּאַסירט?... (דער יצר הרע שטעלט אָן אַ פּראָנט אַז ס'קוקט אויס אוממעגליך אים ביינצוקומען. כ'קען נישט, מ'וועט לאַכן, כ'וועל אויסזעהן פּאָני... ווייבאַלד אָבער מ'פייפט אים אָן און מ'שרעקט זיך נישט פון אים, דערזעהט מען זיין בלאָף, שוואַכקייט און נישטיגקייט).

4) די עיקר מלחמה ווערט נישט געפירט שטייענדיג אונטן גלייך מיט'ן שונא, נאָר פון די לופט קרעפטן פון אויבן אַראָפּ. (קוק "אַראָפּ" אויף די פריצות'דיגע סטיילס, דו ביסט הויך, גאָר הויך, און די פריצות זענען אונטן טיף אַראָפּ).

5) די גרעסטע טייל פון די מלחמה ווערט געפירט ביינאַכט אין די טונקל. (די עיקר נחת רוח פאַר השי"ת איז ווען ס'זעט אויס חושך טונקל, ביטער און פינסטער, און דאָך שטאַרקט מען זיך און מען שיסט דעם יצר הרע מיט קלוגע באָמבעס).

6) "פּאַריז-פראַנקרייך" איז אונזער גרויסער שונא. יאָ, זי האָט פאַרקויפט געווער פאַר איראַק, זי האָט געבויעט דעם מעכטיגן בונקער פאַר "סאַדאַם כוסעין", זי שלעפּט אַריין די וועלט אין אַ געפאַר. זי שטעלט זיך אַהער ווי אַ "דזשענטל מאַן" וועלכער מיינט פרידן, דערווייל אָבער איז זי די שטיצער פון די גרעסטע רוצחים! - U.S.A. וואָלט געדאַרפט באָיקאָטירן די פראַנצויזישע פּראָדוקטן, פראַנצויזישע קליידער און סטיילס! (אידישע פרויען, נעמט דאָס אַריין אין קאָפּ: פּאַריז איז נישט אונזער פריינד, פּאַריז איז אונזער אויסגעשפּראָכענער פיינט!)

ווען צוויי לענדער פירן אַ מלחמה, די באַטרעפנדע לאַנד אין וועלכע די שלאַכט געפינט זיך אפילו אויב זי געוואונט די מלחמה (ר״מ. אפילו אויב חלילה כוסעין וואַלט באַזיגט אַמעריקע), סוף כל סוף האָט זי פאַרלוירן. כאָטש עס איז איר געלונגען צו פאַרטרייבן דעם שונא פון לאַנד, האָט זי אָבער זיך אָנגעליטן חורבנות און קרבנות פון דעם קאַמף וואָס איז דאָך פאָרגעקומען ביי איר אין לאַנד. דאַקעגן אָבער דער שונא כאָטש ער האָט פאַקטיש פאַרלוירן די מלחמה אין דעם ציל וואָס ער האָט געוואָלט דערגרייכן, האָט ער אָבער געוואונען, ער האָט יענעם היבש צוקנאַקט און זיין לאַנד איז געבליבן גאַנץ אומבאַרירט.

דעם משל האָבן גדולי ישראל גענוצט איבערצוציינן דאָס וויכטיגקייט פון מאַכן גדרים - צוימען - אַרום יעדע עבירה. צ.ב.ש. די לענג פון די קלייד, די לענג פון די ערמל, די מאָס פון די קראָגן, די ברייט פון די קלייד, די דיקקייט פון די שטרימפּ, זאָל שטענדיג זיין לענגער, ברייטער און דיקער ווי די שיעור. אַזוי אַז ווען דער יצר הרע וועט זיך קומען קריגן מיט'ן מענטש (ס'איז היים, ס'איז "אָנטשי") זאָל די קריגעריי זיין נאָר אין די טערעטאָריע פונעם יצה"ר, ד.ה. ביי די צוגעלייגטע גדרים וואָס דער מענטש זעלבסט האָט צוגענומען פונעם יצה"ר. דאַקעגן אָבער אויב דער מענטש גייט נאָר וויפיל מען "מוז" און פערטיג, דאַן ווען דער יצה"ר קריגט זיך, קריגט מען זיך אין די טערעטאָריע פונעם איד, אויף שטיקער שולחן ערוך, אויף שטיקער דת יהודית, און די חורבנות וועלכע געשעהט אפילו נאָר ציטווייליג זענען גאָר גרוים!

> אין ספר משיבת נפש (פר׳ שמות) ווערט געברענגט די פאָלגענדע מעשה:
>
> מיט בערך 500 יאָר צוריק איז געווען אויף אַ פלאַץ אַ גזירת המלכות אַז אַלע אידן דאַרפן גיין מיט אַ געוויסע שפּעט צייכן אויף די קליידער. אַמאָל איז דער גאון מהרי״ל ז״ל געווען אין די שטאָט שטרוספּורק, האָט ער זיך דאָרט באַגעגנט מיט׳ן גלח. פרעגט אים דער גלח: ״וואָס איז דער צייכן אויף דיין קלייד?״ - ענטפערט דער מהרי״ל: ״דאָס איז צוליב די גזירה פונעם קעניג אָן קיין שום טעם וואָס מיר האָבן עפּעס ווידערגעשפעניגט״.
>
> ״איך וועל אייך ערקלערן דעם טעם - זאָגט דער גלח - וועט איר זעהן אַז דער קעניג איז גערעכט. השי״ת האָט אייך געזאָגט: **וָאַבְדִּל אֶתְכֶם מִן הָעַמִּים לִהְיוֹת לִי** - ״איך האָב אייך אָפּגעשיידט פון די פעלקער צו זיין פאַר מיר!״ - ווען איר זענט מקיים אַלע מצות און טוט אייך פליסן צו זיין אָפּגעשיידט פון די פעלקער, דאַן איז דאָס פאַר אייך אַ גרויסער כבוד. אַצינד אָבער אַז איר האָט זיך אָנגעהויבן צו שעמען מיט אייער אידישקייט, און אָנגעפאַנגען גיין מיט גוי׳אישע קליידער, האָט אייך השי״ת אָנגעצייכנט מיט שאַנדע און דערנידערונג, ווייל דער ווילן פון השי״ת מוז געשען אַז איר זאָלט זיין אָפּגעזונדערט פון די פעלקער!

## מִצְוַת אֲנָשִׁים מְלֻמָּדָה

דער נביא ישעי׳ (כ״ט י״ג) זאָגט מוסר פאַר אידן פאַרוואָס ווען זיי טוען די מצוות טוען זיי דאָס נאָר ״מִצְוַת אֲנָשִׁים מְלֻמָּדָה״, ד.מ. אויבערפלעכליך, בלויז פון געוואוינהייט, אָן קיין אינערליכן געפיל צו השי״ת. פאַרהאַן מענטשן וועלכע שפילן 70 יאָר אַ שפיל וואָס עס הייסט ״איד״... אויב שפילט מען אידישקייט, דאַן זוכט מען נישט זיך אָנצושטרענגען, מען וויל באַקוועמליכקייט.

פאַרהאַן אידן וועלכע שפירן זיך מיט׳ן אידישקייט אַביסל געקלאַפּט. די מאָדערנע וועלט איז ביי זיי אַרויפגעקוקט. זיי כאַפּן התפעלות פון יעדע נייע מאָדע, און זיי שעמען זיך אַביסל מיט׳ן צניעות. דאָס ביסל צניעות וואָס זיי מוזן זיך פירן, איז ביי זיי אַן אָפּקומעניש. דאָס איינפאַכע לעבן איז ביי זיי אַלטמאָדיש, דער עולם הזה׳דיגע שיינקייט האָט זיי געפאַנגען.

לאָמיר נעמען אַ ביישפּיל: אַ פרוי וואָס שפּאַצירט אויף די גאַס מיט אַ שייטל וועלכע זעהט אויס פונקט ווי אייגענע האָר, אָפּגעזעהן אַצינד איבער די הלכה פון אַזאַ שייטל, דאָס איז דאָך אָבער קלאָר אַז מיט אויפגעדעקטע האָר האָט די תורה פאַרבאָטן צו גיין. אויב די תורה האָט דאָס פאַרבאָטן, איז דאָס ביי אונז אומווערדיג און מיאוס. קומט אָבער די אויבנדערמאַנטע פרוי וועלכע קוקט נעבעך אַרויף אויף די מאָדערנע גאַס, איז פאַר איר דאָס אידישע טיכל אַ בושה, איר כבוד איז זיך צו פאַרגלייכן צו די וועלכע גייט מיט די אָפענע האָר, זי קען אָבער נישט ווייל זי איז ״נעבעך״ אַ אידיש קינד, טוט זי אָן אַ שייטל וואָס זעהט אויס פונקט ווי האָר.

אָט דער געפיל זעלבסט פון אַרויפקוקן שלעכטס און אַראָפּקוקן גוטס - ערקלערן די ספרי מוסר - איז אַן ערנסטער גייסטישער חורבן אין אַ אידישע נשמה!

דאָס זעלבע איז ווען מ׳גייט מיט שטרימפּ מיט׳ן קאָליר פון די פיס (״לייב פאַרב״) כדי ס׳זאָל אויסזעהן ווי יענע וואָס גייט אָנע שטרימפּ! ווען אַ איד אַ שומר שבת אַרומגיין אין בית המדרש מיט אַ פאַלשן ציגאַרעטל אום שבת מען זאָל מיינען אַז ער איז מחלל שבת ח״ו?...

> ווען מ׳הערט צרות ל״ע, לויפט מען זאָגן תהלים, געבן צדקה, אָבער פון די צווייטע זייט גייט מען ווייטער מיט׳ן שמאָלן קלייד און די לאַנגע שייטל. דאָס איז גלייך צו איינעם וואָס וויל לעשן דעם פייער, גיסט ער ״וואַסער״ מיט די רעכטע האַנט און ״אויל״ מיט די לינקע האַנט...

## דער לופט באַלאָן

דאָס זעלבע ווי דו לעבסט פאַר יענעם, לעבט יענער פאַר דיר, און דער דריטער פאַר אייך ביידע, און דער פערטער פאַר אַלע דריי, און אַלע דריי פאַר דעם פערטן. אַזוי אַרום זענען מיר פאַרקנעכטעט איינער פאַר׳ן צווייטן.

מיר טראָגן אַ פנים ווי אַ צירקוס פון הונדערטער שפילער וואָס יעדער איינער שפילט פאַר׳ן צווייטן. דאָס איז פונקט ווי אַן אויפגעבלאָזענע לופט באַלאָן וואָס בלאַנדזשעט אַרום און ציט דאָס אויפמערקזאַמקייט פון די גאַנצע שטאָט, ציטערנדיג ווער ווייסט וואָספאַראַ טעראָר וואָפן עס גייט באַלד אויפשיסן, און עס איז נישטאָ דער קלוגער מענטש וואָס זאָל לעכערן די באַלאָן און אויפווייזן אַז דאָס איז נישט מער ווי אַן אויפגעבלאָזענע באַלאָן וואָס מיט איין שטאָך אַריין לייגט ער זיך צוזאַמען און עס איז אויס באַלאָן.

וואו ברענגט מען דעם קלוגן מענטש וואָס זאָל אונז באַפרייען פון אונזער קנעכטשאַפט, און אַריינברענגען דעם ריכטיגן שכל אַז לעבן דאַרף מען פאַר זיך און נישט פאַר יענעם, און לעבן מיט׳ן אייגענעם שכל און נישט מיט יענעמ׳ס. עס איז נישט יושר אַז די גאַנצע שטאָט זאָל זיין פאַרשקלאַפט פאַר איין יחיד וואָס ווען פאַר יענעם פאַלט ביי אַ געוויסע מאָדע, מעג עס זיין קוריאָז, אַז יענער זאָגט אַז דאָס איז די מאָדע, איז דאָס די מאָדע.

און וואַגן זאָל זיך איינער אַריינוואַרפן ספיקות אין די שיינקייט פון די זאַך, פרובירן זאָל איינער צו פרעגן קשיות אויף דעם מאָדנעם הוטל, אָדער אויף אַ קלייד וואָס איז צוזאַמגעשטעלט פון פאַרשידענע רעשיגע קאָלירן, אָדער ווען די סקוירט איז שמאָל אַז מ׳קען קוים וואָקן נאָרמאַל. פרובירן זאָל איינער אָפּצואווענדן דעם לאַנגען צולאָזטן שייטל.

עס דערמאָנט זיך אין אַ פאָלק׳ס מעשה פון צוויי פראָפעסיאָנאַלע שווינדלער וועלכע האָבן זיך אַהערגעשטעלט ווי שניידער פון העכסטן פראָפעסיאָנאַליטעט. זיי האָבן זיך אָנגעגעבן אין קעניג׳ליכן פאַלאַץ אַז זיי קענען אויפנייען פאַר׳ן קעניג די שענסטע קליידער. פאַרשטייט זיך אַז דער קעניג האָט זיי אַריבערגערופן און באַשטעלט ביי זיי אַ קעניג׳ליכע אַנצוג לויט די נייעסטע מאָדע.

ווען עס איז געקומען נאָנט צו די צייט ווען דער בגד האָט געדאַרפט פאַרטיג ווערן, האָט מען געלאָזט אויסרופן אין גאַנצן לאַנד אַז אין יענעם געוויסן טאָג וועט דער קעניג אַרומפאָרן אין לאַנד זיך באַווייזן מיט זיין נייע קלייד וועלכע

איז געווייט געוואָרן דורך די פּראָפעסיאָנאַלסטע שניידער וועלכע זענען אימפּאָרטירט געוואָרן פון אויסלאַנד.

ויהי היום, עס איז אָנגעקומען דער באַשטימטער טאָג, זענען טויזנטער מענטשן אַרויסגעגאַנגען מקבל פנים זיין דעם קעניג. יעדער איינער האָט געוואָלט זען דעם נייעם מלבוש אויף וועלכע מען האָט פאַרשפּראָכן אַז דאָס איז אַזוינס וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געזעהן.

צו די באַשטימטע צייט פאָרט אַדורך דעם קעניג׳ס קאַרעטע. יעדער שטופּט זיך צו זען דעם מלבוש, יעדער איינער ווערט פאַרוואונדערט, מען זעהט נישט מער ווי פשוט׳ע פויערישע קליידער. קיינער טרויט זיך אָבער נישט צו פרעגן קשיות, מסתמא בין איך נישט קיין מבין, טראַכט יעדער ביי זיך, מסתמא ליגט דאָ עפּעס אַזאַ פאַכמאַנישקייט צו וועלכע מיר פשוט׳ע מענטשן פאַרשטייען נישט. אַזוי איז דער קעניג דורכגעפאָרן די טויזנטער פאַרזאַמלטע און קיינער האָט זיך נישט געטרויט צו שטעלן אַ פראַגע איבער די קליידער.

ביז דער קעניג איז דורכגעפאָרן נעבן עפּעס אַ נאַאיוו יונגל, וועלכער האָט מיט גרויס תמימות זיך אָנגערופן, אַז ער זעט נישט קיין שום ספּעציעל׳ס אין דעם קלייד, פאַרקערט, דאָס איז גאָר אַן איינפאַכע פויערישע קליידונג. צוביסלעך איז דעם יונגל׳ס פראַגע אַרומגעגאַנגען פון מויל צו אויערן, ביז אַלע מענטשן האָבן אָנגעהויבן מודה זיין אַז זיי האָבן אויך נישט געזעהן קיין ספּעציעלע שיינקייט אינעם קלייד, נאָר זיי האָבן דאָס אָנגעהאָנגען אין זייער אומוויסנהייט. אַזוי אַרום איז באַקאַנט געוואָרן דער שווינדל פון די אַזויגערופענע פּראָפעסיאָנאַלע שניידער.

אין אונזער פאַל שטייען מיר אין זעלבן מצב. שטייען טויזנטער מענטשן און גייען נאָך עטליכע פּראָפעסיאָנאַלע שווינדלער וועלכע זענען שלוחים פון דעם פאַריזער אשמדאי, און נאַרן אַריין אַזויפיל מענטשן אין זאַק אַריין איינצורעדן אויף פויערישע שמאַטעס אַז דאָס איז עפּעס אויסטערליש שיין, און מענטשן פאָלגן אויס הונדערט פּראָצענט די דירעקטיון און טרויען זיך נישט צו זאָגן אַנדערש.

עס איז שוין געקומען די צייט אַז מיר זאָלן אַראָפּוואַרפן פון זיך די קנעכטשאַפט פון לעבן פאַר יענעמ׳ס משוגעת. דער חשבון דאַרף זיין גאָר אַן אַנדערער, וואָס וועט דער באַשעפער זאָגן צו דעם. וועל איך אין הימל באַקומען אַ קאָמפּלימענט דערפאַר, אָדער וועט מען מיך דאָרט אָנקוקן קרום?

## "מאָדע" אֲנִי לְפָנֶיךָ - "מאָדע, איך בין דיינס!"...

**שֶׁקֶר הַחֵן וְהֶבֶל הַיֹּפִי** - די בעסטע באַווייז אַז די מאָדע איז שקר, ווייל ווען עס גייט אַדורך אַ שטיק צייט טוישט זיך די מאָדע, וואָס נעכטן איז געווען שיין, איז היינט אַלטמאָדיש. וואָס איז געשען? עס איז דאָך שיין? ניין, די נייע מאָדע איז שיין... אַזוי דרייט זיך דאָס פאַלשע "כישוף ראָד" אַרום און אַרום. "אמת'ע" שיינקייט פאַרלירט נישט דעם ווערד און דעם גלאַנץ קיינמאָל! **קוּשְׁטָא קָאֵי שִׁקְרָא לֹא קָאֵי** - "אמת שטייט, שקר גייט!"

לאָמיר געבן אַ טראַכט: ליגט עפּעס לאָגיק אין די מאָדע סיסטעם? אַ קלייד וועלכע זעהט נאָך אויס כמעט ווי ניי, שמאַכט נעבעך אָפּ אין קלאַזעט און ווערט אַוועקגעגעבן (לשם מצוה...) נאָר צוליב דעם ווייל עס איז שוין אַרויס פון סטייל? אַ טייערע קלייד וואָס מען האָט אָנגעהאַט ביי איין שמחה קען מען מער נישט טראָגן ביי די צווייטע שמחה, כאָטש עס פעלט דערפאַר גאָרנישט. דאָס איז נאָרמאַל? ליגט עפּעס אַ טראָפּ שכל אין דעם?

אמת'ע צופרידנקייט קען מען נישט דערגרייכן דורך געלט, כבוד, הייזער, קליידער, עסן. די אַלע זאַכן זענען געגליכן - זאָגט דער ווילנער גאון זצ"ל - צו אַ דורשטיגן מענטש וואָס טרינקט זאַלציגע ים וואַסער, וואָס כאָטש עס שטילט זיין דורשט אויף די מינוט, ווערט ער אָבער דערנאָך מער דורשטיג. די איינציגע צופרידנהייט וואָס אַ איד קען האָבן איז דורך מקיים זיין אַ מצוה! - **אָט דאָס איז אַ פאַקט וואָס יעדער קען זיך איבערצייגן, אַז אַ איד אַ שומר תורה ומצות וועט נישט שפירן קיין צופרידנהייט אין זיין לעבן טראָץ אַלע פאַרגעניגנס, נאָר נאָכדעם וואָס ער טוט סיי וועלכע נחת רוח פאַר השי"ת, דאָס מאַכט זיין טאָג! ווייל דאָס איז אמת!**

### פונקטן...

- לוינט זיך ענדערש צו געפעלן פאַר די שְׁכֵנָה ווי געפעלן פאַר די שְׁכִינָה?
- מיר האָבן שוין וואָכן קליידער, שבת קליידער, ווינטער קליידער, זומער קליידער, און אפילו חתונה קליידער. אַצינד לאָמיר אָנגרייטן משיח קליידער!
- קענען מיר אָנקומען קיין ירושלים מיט קליידער פון פאַריז?
- מעגסט קאָסטן צניעות, עס איז נישט אַזוי שלעכט!
- פראָביר אָן צניעות, עס שטייט דיר זייער גוט מיין שוועסטער!
- די שענסטע פונקט פון צניעות איז: צו זיין שטאָלץ דערמיט!

## מיין שטילע מלחמה...

נאָר דער באַשעפער און איך ווייסן איבער די שטילע מלחמה וואָס האָט זיך אָפגעשפילט אין מיין האַרץ יענעם זונטאָג נאָכמיטאָג, שטייענדיג ביים שפיגל אין קליידער געשעפט, אָנפּראָבירנדיג אַ נייע קלייד.

**יצר הרע:** אָה, סיאיז הערליך. סיאיז פונקט דיין סייז. גאַנץ פרייזליך נישט טייער. כאָפּ עס מיט ביידע הענט.

**יצר טוב:** ס׳איז דאָך צו שמאָל, אויך אַביסל קורץ, די ערמל גרייכן נישט די הענט געלענק, אויך די קאָליר איז אַביסל רעש׳יג.

**יצר הרע:** גיי שוין מיט די פרומע חומרות. ווער זאָגט אַז מידאַרף גיין מיט אַ ברייטע זאַק? פאַרוואָס דאַרפסטו זיין בעסער ווי מרת... איר מאַן איז אַ תלמיד חכם און ער זאָגט איר גאָרנישט.

**יצר טוב:** שמאָל, קורץ, רעש׳יג, דאָס זענען נישט קיין חומרות נאָר "דת יהודית". די תורה קען נישט געריירט ווערן מיט קיין האָר כאָטש מרת... גייט אַנדערש.

**יצר הרע:** דו ביסט היינט געווען אויף פינף פאַרטיס. אויסגעגעבן אַזויפיל געלט אויף צדקה. מאָרגן גייסטו טוהן חסד מיט די אומבאַהאָלפענע מרת... קומט זיך דיר נישט אַזויפיל אַ שיין עלעגאַנטע קלייד? מיזעהט דאָך אַז דאָס קלייד איז "מן השמים" פאַר דיר אָנגעגרייט... עס שטייט דאָך אַזוי גוט אויף דיר.

**יצר טוב:** יאָ, אמת, עס איז מן השמים אָנגעגרייט פאַר דיר דיך אויסצופּרואוון מיט אַ נסיון... מיט צדקה געבן קויפט מען נישט אונטער דעם באַשעפער צו מעגן זינדיגן.

**יצר הרע:** איך זאָג דיר. סיאיז פשוט אַן עבירה אַרויסצולאָזן אַזאַ מציאה פון די הענט. קוק דיך נאָכאַמאָל אין שפיגל.

**יצר טוב:** פאַר׳ן שפיגל איז עס שיין, פאַר פליישיגע אויגן איז עס שיין, אָבער פאַר׳ן באַשעפער וואָס מאַכט דיך אָטעמען יעדע סעקונדע, פאַר אים איז דאָס נישט שיין. לייג עס שוין צוריק זיי מוחל, און נעם אַ קלייד וועלכע געפעלט פאַר׳ן באַשעפער, אַזוי וועסטו געפונען חן סיי ביים באַשעפער און סיי ביי מענטשן. וְנִמְצָא חֵן וְשֵׂכֶל טוֹב בְּעֵינֵי אֱלֹקִים וְאָדָם.

**יצר הרע**: דו ווייסט דאָך וויפיל צ״יט עס דויערט צו געפוונען אַ פּאַסיגע קלייד פּאַר אַ צוגעגליכע פּרייז. ס׳איז אַ שאָד דיין טייערע צייט. אַז דו האָסט שוין עודליך געפונען אזאַ שייגס דאַרפסטו דאָס נעמען.

**יצר טוב**: פאַרברענגען צייט אויף זוכן שענער׳ס און בעסער׳ס אויף דעם איז טאַקע אַ שאָד די צייט, דאַקעגן פאַרברענגען צייט אויף זוכן מער צניעות, אויף דעם איז דיין צייט באַשאַפן געוואָרן, אויף דעם לעבסטו, און אויף דעם וועסטו באַקומען שכר אין גן עדן.

דער יצר הרע האָט נאָכנישט געוואָלט אויפגעבן דעם קאַמף, אָבער דאָ האָב איך געגעבן אויף אים אַן אינערליכן געשריי: ״געוואַגט! איך בין אַ אידישע טאָכטער! מיינע זיידעס און באָבעס זענען אין פייער געגאַנגען צוליב זייער אַנטשלאָסנקייט צו תורה ומצות, זאָל איך נישט קענען פּרייווויליג ביישטיין אָט דעם קליינעם נסיון?!״ - איך האָב צוריקגעלייגט דאָס קלייד און געקויפט אַן אַנדערע, אַ קלייד מיט׳ן ריכטיגן צניעות, געוואַגט לאַנג און ברייט, מלא אידישע טעם און אמת׳ע חן. - - - ברוך השם, די צד הקדושה האָט געזיגט!...

## באַקוועמליכקייט

דער חובת הלבבות (שער חשבון הנפש) זאָגט: פּונקט ווי עס קען זיך נישט צוזאַמפּאַרן אין איין כלי פייער און וואַסער, אַזוי קען זיך נישט פּאָרן אין איין אידיש האַרץ ״באַקוועמליכקייט״ מיט ״אידישקייט״! - געוויס איז באַקוועמליך צו שפּאַצירן אויף די גאַס מיט אַ קלייד פון די לעצטע מאָדע און באַקומען קאָמפּלימענטן פון אַלע זייטן, דער מענטש דאַרף אָבער אין באַטראַכט נעמען: ״וואָס האָב איך מקבל געווען ביים באַרג סיני, אידישקייט אָדער באַקוועמליכקייט? צוליב וואָס בין איך באַשאַפן געוואָרן? וואָס לוינט מיר ענדערש, אַ קאָמפּלימענט אויף דער וועלט און אַ שאַנדע אויף יענע וועלט, אָדער פאַרקערט?״... אָט דאָס מיינט די משנה (אבות פ״ב מ״א): וֶהֱוֵי מְחַשֵּׁב הֶפְסֵד מִצְוָה כְּנֶגֶד שְׂכָרָהּ וּשְׂכַר עֲבֵירָה כְּנֶגֶד הֶפְסֵדָהּ - ״דו זאָלסט אין באַטראַכט נעמען די צייטווייליגע שאָדן דורך די מצוה אַקעגן די אייביגע שכר, און די צייטווייליגע פאַרגעניגן אַקעגן די אייביגע שאָדן!״

און באמת, די ריכטיגע קאָמפּלימענטן באַקומט סוף כל סוף - אפילו אויף דער וועלט - די וועלכע גייט מיט די ריכטיגע צניעות און אידישע חן!

*

# מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ

די מלאכים זינגען און לויבן השי"ת יעדן טאָג מיט די ווערטער **מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ** - "דעם באַשעפער'ס כבוד איז פול אין די גאַנצע וועלט!" - פרעגט זיך אַ קשיא: איז טאַקע די וועלט פול מיט השי"ת'ס כבוד? די וועלט איז דאָך אָנגעפילט מיט פריצות און חילול השם? - דער תירוץ איז, אויף יעדן פלאַץ געפינען זיך געציילטע ערליכע מענטשן, אין יעדן ווינקל גייט אַ אידישע פרוי, אַ אידיש מיידל, מיט'ן ריכטיגן צניעות. אירע געפילן קעמפן קעגן דעם שטראָם פון די גאַס. דאָס איז דאָס גרעסטע כבוד פאַר השי"ת! אין הימל האָט נישט דער באַשעפער אַזאַ כבוד, דאָרט דאַרף מען נישט קעמפן מיט'ן יצר הרע. דער עיקר כבוד פאַר אַ קעניג איז ווען זיינע קנעכט דינען אים מיט אמת'ע געטריישאַפט. מיט דעם ווערט **מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ!**

*

איינער שטייט ביים באָרטן פון ים צו פאַנגען פיש. ווען דער נעץ האָט ענדליך געפאַנגען אַ פיש, האָט זיך אָבער דער מעכטיגער פיש געשטאַרקט און געצויגן דעם נעץ מיט'ן מענטש צום וואַסער. דער מענטש כאַפט אָן דעם נעץ מיט די לעצטע כוחות און שרייט: "ראַטעוועט! ראַטעוועט!" - זאָגן אים אַלע דורכגייער: "וואָס שרייסטו? לאָז אָפּ דעם נעץ, ביסטו אָטאָמאַטיש באַפרייט!"

דאָס זעלבע, דער מענטש גייט אָן מיט זיינע מחלוקת און פריצות, אָבער ער שרייט איבער זיינע יסורים און צרות. זאָגט אים השי"ת: "הער אויף צו זינדיגן וועסטו באַלד באַפרייט ווערן פון אַלע צרות!"



קיינער פאַרשטייט
די באַדייט
וויאַזוי מ'גייט
וואו מ'גייט
צו וועם מ'גייט
מיט אַזאַ קלייד

אַבער מ'גייט...
מ'גייט...
מ'גייט...

טײַערע אידן... הײליגע אידן

איך וואונטש איך איר זאלט שטענדיג זײַן גליקליך און צופרידן,
איך וויל אײַער כבוד נישט באַריירן,
און אודאי איך נישט חלילה סעקירן,
אָבער די נבואה פון השי״ת צו מיר קען איך נישט איגנאָרירן.

(ישעי׳ קאפיטל ג׳):

וַיֹּאמֶר ה׳ יַעַן כִּי גָבְהוּ בְּנוֹת צִיּוֹן וַתֵּלַכְנָה נְטוּיוֹת גָּרוֹן וּמְשַׂקְּרוֹת עֵינָיִם הָלוֹךְ וְטָפוֹף תֵּלַכְנָה וּבְרַגְלֵיהֶם תְּעַכַּסְנָה. וְשִׂפַּח א׳ קָדְקֹד בְּנוֹת צִיּוֹן... בַּיּוֹם הַהוּא יָסִיר א׳ אֵת... הַפְּאֵרִים וְהַצְּעָדוֹת.... וְהָיָה תַחַת בֹּשֶׂם מַק יִהְיֶה... וְתַחַת מַעֲשֶׂה מִקְשֶׁה קָרְחָה... וְאָנוּ וְאָבְלוּ פְּתָחֶיהָ וְנִקָּתָה לָאָרֶץ תֵּשֵׁב: (איבערזעצונג אויף אידיש:) ״גאָט זאָגט: ווייל די אידישע טעכטער גייען מיט אַ[מ]צניעות (בפרט רעכנט אויס דער נביא דאָס האַלז, געפּאַרכט, די איז נישט צוגעדעקט געהעריג. און די פיס), וועט קומען אויף טערע אויסשלאַגן און קרענק. דאַן וועלן זיי שוין מו[…]טוהן די אַלע אויפפאַלענדע קליידער און ציענדע צירונגען און היטלעך. גרופּעס און גרופּעס פון לייז וועט זיך באַהעפטן אויף זיי. אויפ׳ן פּלאַץ וואָס זיי פלעגן זיך אָנשמעקן — גייענדיג אויף די גאַס — וועט דאָס פלייש צוגיין. אויפ[…] פּלאַץ וואָס זיי פלעגן אַרויפלייגן פרעמדע האָר, וועט[…]ין אַן אויספליקונג (די האָר וועט אַרויספאַלן [..]ד קרענק און [..]ונגען רח״ל). משפחות וועלן קלאָגן און וויינען ביי[…]טויערן. אידן וועלן ווערן אויסגעליידיגט פון אַלעם גוטן!

איצט איך מײַנע טײַערע פרײַנט,
נעמט אין באַטראַכט מײַנע ווערטער הײַנט.
טוט פאַרבעסערן אײַער צניעות לחלוטין,
דאַן וועלן מײַנע שטראָף רייד איבערגעדרייט ווערן צום גוטן!

*הק׳ ישעי׳ (הנביא) בן אמוץ*

## וואָס זאָגט דער הייליגער רבי ר׳ מענדעלע זי״ע?

דער רבי ר׳ מענדל׳ע מרימינאָב זי״ע זאָגט אין ספר דברי מנחם (פר׳ בראשית): די הייליגע אידישע מלבושים טוען אָפּהיטן דעם מענטש אַז די שעדליכע מזיקים זאָלן נישט קענען צוקומען צו אים. דאַקעגן די גוי׳אישע מאָדע קליידער ציען צו זיך די מזיקים, און זיי ברענגען אויפ׳ן מענטש אַלע שלעכטס רח״ל!

נאָך שרייבט דער רבי ר׳ מענדל׳ע מרימנאָב זי״ע (דברי מנחם פר׳ מטות): טאָג טעגליך קומען צו מיר אידן און גיסן זיך אויס דאָס האַרץ אויף זייערע צרות, אַזוי אויך באַקום איך קוויטלעך אויף די פּאָסט אַז איך זאָל מתפלל זיין. אָבער איך ווייס דעם אמת אַז רובא דרובא קומט דאָס פון דעם וואָס מען טוט זיך קליידן מיט די גוי׳אישע אויסגעלאַסענע מאָדעס, וואָס דורכדעם ציט מען אויף זיך אַן עין הרע. אַ שלעכט אויג קומט אויב די קליידער זענען געניייט לויט די גוי׳אישע מאָדע. איך האָב שוין אַסאַך מאָל געוואָרנט אויף דעם. ווער עס היט זיין זעל זאָל זיך דערווייטערן פון דעם!

אויך שרייבט רבי ר׳ מענדל׳ע זי״ע אין אַ בריוו צו אַ פלאַץ וואו אידן האָבן געליטן צרות פון די גוי׳אישע שכנים: איר זאָלט גלייבן באמונה שלימה אַז אַלע צרות וואָס קומען אין אונזער צייט אויף די אידן, איז נאָר צוליב וואָס זיי גייען אָנגעטוהן ווי די גוים און גוי׳טעס. דעריבער זאָלט איר זעהן אַז קיין שום אידיש קינד זאָל נישט אָנטוהן אַ קלייד וועלכע האָט די מינדעסטע צוגלייך צו די גוי׳אישע מאָדע. דאַן בין איך פאַרזיכערט אַז השי״ת וועט צושטערן די עצה פון די וועלכע שטייען אויף אַקעגן אייך, און קיין שום שלעכטס וועט נישט געוועלטיגן אויף אייך!

אויף אַן אַנדער פלאַץ שרייבט ער: די אידישע בגדים - אויסער׳ן חלק פון צניעות - האָבן זיי אין זיך טיפע כוונות על פי סוד, און די וואָס פאַרטוישן דאָס מיט די מאָדעס מאַכן קאַליע די כוונות. מיינע ברידער: נעמט אַריין מיינע ווערטער און טוט אויס די פאַרפלעקטע קליידער. טוט אָן צוריק די קליידער פון די עלטערן, וועט די זיסקייט פון השי״ת זיין אויף אייך!

... און דו זאָלסט וויסן אַז דער מענטש דאַרף אַריבערגיין זיין לעבן אויף אַ בריק וועלכע איז זייער זייער שמאָל, און דער עיקר איז אַז מ׳זאָל דאָס אַדורכגיין גראָד מיט זיכערקייט און מיט פעסטקייט! (ליקוטי מוהר״ן תנינא ע״ח)

## בית דין צדק

לכל מקהלות האשכנזים ע"י העדה החרדית פרו"ח
[ועד העיר לקהלת האשכנזים]
פעיה"ק ירושלים תובב"א
ת.ד. 5006

פעיה"ק ירושלים ת"ו יום כ"ד לחדש טבת שנת תשכ"ח

# קריאה קדושה

עס איז דאָ אַ ירושה פאַר אידישע קינדער דער פליכט פון צניעות, צו זיין געוואָרנט ביי די מלבושים פון נשים, דאָס האַלז זאָל זיין צוגעדעקט, די הענט, די קאָפּ. די קליידער זאָלן זיין לאַנג און ברייט ווי דער דין פון די תוה"ק און ווי אונזערע הייליגע מאַמעס האָבן זיך געפירט און מוסר נפש געווען אויף אַלע גדרים פון צניעות.

אַצינד ווי שטאַרק ווייטאָגט אונזער זעל וואָס די אויגן פון אידישע קינדער זענען פשוט פינסטער געוואָרן פון די מורא'דיגע פירצה, וועלכע האַלט צוריק אונזערע פיס פון צו קענען גיין אויף די גאַס. דאָס איז די פירצה פון

# קורצע קליידער

**וועלכע טוט צוברעכן אַלע צוימען פון קדושת ישראל און צניעות.**

ווי שרעקליך איז דער שטרויכלונג און דאָס פייער פאַר'ן רבים, וועלכע שטאַמט פון די "פריצות שטאָט" פאַריז פראַנקרייך.

דער דין פון די פרוי וועלכע טרעט אויף דת יהודית אויף די פירונג פון צניעות פון אידישע קינדער, איז קלאָר אין רמב"ם הלכות אישות, אַז עס איז אַ מצוה איר צו גט'ן.

מיר ווענדן זיך צו טייערע אידישע טעכטער: **ביטע טוט אייך קליידן מיט קליידער וועלכע דעקן צו רוב פון די פיס, ווייל לויט די הייליגע תורה טאָר מען נישט אָנטוהן קורצע קליידער.**

**עס איז אַ מצוה אויף יעדע אידישע טאָכטער מוחה צו זיין אויף די וועלכע גייען אומ'צניעות'דיג, מען זאָל זיי מוסר'ן און צוריקהאַלטן פון מכשיל זיין דעם רבים.**

ובזכות התחזקות בדרכי הקדושה ושמירת גדרי הצניעות וההידור בהן נזכה לברכה הכתובה בתוה"ק כי ה' אלקיך מתהלך בקרב מחניך להצילך וגו' ועינינו תחזינה בשובו לציון ברחמים בביאת גוא"צ בב"א

הכו"ח הביד"צ לכל מקהלות האשכנזים

נאם פנחס בהגה"צ רב"י עפשטיין, ראב"ד

נאם ישראל יצחק הלוי רייזמאן

נאם דוד הלוי יונגרייז

נאם יעקב מוצפי, רב העדה החרדית הספרדית

## חברים כל ישראל

מיר זעען אין די גמרא (ברכות כ׳.) ביי די מעשה וואָס דער הייליגער אמורא רב אדא בר אהבה האָט אַראָפּגעריסן אַ ״כרבלתא״ פון אַ פרוי אויף די גאַס, זאָגט דאָרט רש״י פשט: **כרבלתא, שם לבוש חשוב** - כרבלתא מיינט אַ סאָרט טייערע קלייד. ערקלערט דאָרט דער מהרש״ל (דער מהרש״א ברענגט דאָרט אַן אַנדער פשט אַז ס׳מיינט אַ רויטע טיכל) אַז מיט אַ טייערע שיינע קלייד טאָר נישט אַ אידישע טאָכטער גיין ״אויף די גאַס״, נאָר אויב דאָס איז איבערגעדעקט מיט אַ מאַנטל וואָס באַדעקט דאָס אויפפאַלענדקייט פונעם קלייד.

וויפיל אַרבעט וואָלט רב אדא בר אהבה געהאַט היינט צו טאָגס, ווען מיר שפּאַצירן אויף די גאַסן מיט טייערע עלעגאַנטע קליידער טאָג טעגליך? וואָס וואָלט רב אדא געזאָגט צו אונזערע שמאָלע קליידער און ״סטרעיט סקוירטס״ וועלכע זענען ליידער פיל מער רייצנד ווי יענע כרבלתא? - ווען פּאַריז זאָל באַשלוסן מאָרגן אַז מען דאַרף גיין ברייט, וועלן מיר אַלע פאָלגן ווי שעפעלעך, און אַז - להבדיל - רב אדא און אַנדערע צדיקים שרייען אַז מ׳דאַרף גיין ברייט און מ׳טאָר נישט גיין שמאָל, דאַרף מען נישט פאָלגן?

מיר האָבן נישט רב אדא׳ס מסירת נפש צו רייסן פריצות׳דיגע קליידער, אָבער כאָטש אַזויפיל טוהן, אויפמערקזאַם מאַכן אַ חבר׳טע, קרובה, דיין קלייד איז נישט אויסגעהאַלטן! און אוודאי נישט געבן קיין קאָמפּלימענט ווי שיין זי זעהט אויס מיט די קלייד, מיט די צולאָזטע שייטל, מיט די פאַרב אויפ׳ן פנים. חז״ל זאָגן אַז ווען מ׳זעהט ווי אַ איד אַרבעט אום שמיטה זאָל מען אים דאַן נישט גריסן, ווייל מ׳טאָר נישט מחזק זיין עוברי עבירה.

*

אַ מורא׳דיג משל זאָגט דער חפץ חיים זצ״ל: אַ קעניג האָט אַמאָל אָפּגעשטאַטעט אַ באַזוך אין איינע פון זיינע שטעט, קומענדיג כמעט אַליין אָן קיין מיליטער. די געמיינע חברה פון די שטאָט - זעענדיג אַז דער קעניג האָט נישט קיין שוץ מיליטער - האָבן זיי אָנגעהויבן צו זידלען דעם קעניג און אפילו וואַרפן שטיינער, אַזוי אַז דער קעניג האָט זיך געמוזט אויסדרייען און אַנטלויפן פון די שטאָט מיט בזיונות. אַרויסגייענדיג האָט ער מיט צאָרן געוואָרנט אַז ער וועט אינגיכן צוריקקומען מיט זיינע זעלנער און וועט אויסשעכטן די גאַנצע

# עם סגלה

שטאָט אַז קיין איינער וועט נישט בלייבן לעבן. מיטאַמאָל שטעלן זיך אויף עטליכע פיינע שטאָט לייט און הייבן אָן צו רימען דעם קעניג מיט זיינע גרויסע מעלות וואָס ער פאַרמאָגט, און זיי טוען פאַרשרייען די ווידערשפעניגער מיט קולי קולות. דער קעניג הערט דאָס, ווערט ער באַרואיגט, די שטאָט לייט זענען דאָך יאָ פיינע מענטשן. אָט די עטליכע געטרייע בירגער האָבן געראַטעוועט די גאַנצע שטאָט.

דאָס זעלבע, ווען אידישע טעכטער גייען נישט בצניעות, פאַרטרייבן זיי די הייליגע שכינה וועלכע וויל זיך געפינען צווישן אונז, אַז די שכינה ווערט פאַרטריבן פון זיין רוה מיט שאַנדע, איז דער צאָרן ח״ו גאָר גרויס. קומען ערליכע נשים און נעמען זיך אָן פאַר׳ן כבוד שמים, גייען אָנגעטוהן בצניעות, און זענען מעורר אַנדערע נאָנטע צו גיין כהלכה, כדי נישט גורם צו זיין פרישע צרות און פרישע מגיפות רח״ל, דאַן שטילט זיך אָפּ דער חרון אף צוליב אָט די נשים צדקניות!

*

דער באַוואוסטער לוחם מלחמות ה׳ הגה״ק רבי חיים סופר זצ״ל פון מונקאטש שרייבט אין זיין ספר שערי חיים (דף ו׳): אויף יענע וועלט ביים בית דין של מעלה וועט מען הערן אויסרופן: ״דער צדיק האָט מחלל שבת געווען, דער חסיד האָט עובר געווען אויף פריצות, דער ערליכער איד האָט געגעסן נבילות וטריפות״. אַלע אַרומיגע וועלן זיך וואונדערן: וואָס גייט דאָ פאָר? מיר קענען דאָך די צדיקים, זיי האָבן קיינמאָל נישט געטוהן אַזעלכעס? - וועט השי״ת צוריקענטפערן מיט אַ שטורעם: זיי האָבן געהאַט די מעגליכקייט מוחה צו זיין אויף די פירצות און עבירות וואָס זיי האָבן געוואוסט און זיי האָבן געשוויגן, איז ביי מיר גלייך ווי זיי וואָלטן דאָס געטוהן!

*

חז״ל זאָגן (מס׳ נדרים): כל מקום שהזכרת ה׳ מצויה עניות מצויה ומיתה מצויה - ״יעדע פלאַץ וואו עס געפינט זיך דאָס אַרויסזאָגן השי״ת׳ס נאָמען אומזיסט, געפינט זיך דאָרט אָרימקייט און עס געפינט זיך דאָרט דאָס טויט (ח״ו)!״ - ווען מ׳גייט אין שטוב מיט דורכזיכטיגע שטרימפּ, קורצע ערמל, אויסגעשניטענע האַלז, איז יעדע ברכה וואָס מען מאַכט אין שטוב אַ ברכה לבטלה רח״ל, איז מען נעבעך גורם אויף זיך די אויבנדערמאַנטע שטראָפן השם ישמרינו.

דער חפץ חיים זצ״ל שרייבט אין קונטרס גדר עולם: דער מאַן זאָל נישט זאָגן: ״איך האָב שוין געהייסן מיין פרוי עטליכע מאָל צו גיין בצניעות און זי פאָלגט נישט, וואָס בין איך שולדיג?״ - זאָל ער נאָר מאַכן אַ חשבון: ווען זיין פרוי וואָלט שאָדן געמאַכט זיין געשעפט, זיין פאַרמעגן, דורך סיי וואָספאַראַ אופן, וואָלט ער שוין געוויס געטראָפן אַ וועג איר אויפצוקלערן איר טעות און איר אומרעכט. כאָטש אַזויפיל דאַרף ער פּרובירן ווען זיין פרוי מאַכט אים שאָדן דורך אירע האָר אָדער שטרימפּ א.ד.ג. זיינע ברכות, בענטשן, קידוש, דברי תורה.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן - זאָגט דער חפץ חיים (עיי״ש באריכות) - דער קעניג האָט געטרויעט אַ געוויסן קנעכט אים צו מאַכן אַ הערליכע קרוין. ער האָט אים גוט אָנגעזאָגט בעפאָר אַז ער זאָל איינהאַנדלען פאַר׳ן קרוין נאָר אמת׳ע איידל שטיינער, נישט קיין פאַלשע. דער אַרבייטער האָט מער וויינִיגער פּרובירט צו מאַכן זיכער אַז די שטיינער וואָס ער קויפט זענען ריכטיגע. ווען דער קרוין איז פאַרטיג געוואָרן, האָט ער דאָס געברענגט צום קעניג. דער קעניג איז אָבער געווען אַ גרויסער מבין, און האָט באַלד געזעהן אַז די שטיינער האָבן נישט דעם ריכטיגן גלאַנץ, ביז עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז די שטיינער זענען פאַלש, פשוט׳ע גלאָז. די שאַנדע איז געווען גרויס. דער שטראָף איז געווען גרויס. דער קנעכט פּרובירט זיך צו פאַרענטפערן אַז ס׳איז נישט זיין שולד, אָבער מען האָט אים באַלד פאַרשריגן: ״פאַר׳ן כתר המלך איז דאָס קיין תירוץ נישט!״

דאָס זעלבע, דער מענטש איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן צו מאַכן אַ קרוין פאַר השי״ת דורך זיינע 100 ברכות יעדן טאָג, יעדע ברכה איז אַ ״דימאַנט״. דערווייל שטעלט זיך אַרויס אַז די ברכות זענען געבעך פאַלשע, ווייל די פרוי אָדער די קינדער זענען נישט געווען בצניעות, דאָס האַלז, די ערמל, די שטרימפּ. נאָך 120 יאָר ווען מ׳שטראָפט אים פאַר די גרויסע שאַנדע וואָס ער האָט גורם געווען פאַר׳ן מלך מלכי המלכים מיט די פאַלשע שטיינער, פאַרענטפערט זיך דער מענטש: ״ס׳איז נישט מיין שולד, איך האָב געהייסן גיין בצניעות״, וועט מען אים צוריקשרייען: ״פאַר׳ן כתר המלך איז דאָס קיין תירוץ נישט!״

*

אין ספר שמע ישראל (ח״א דף ט״ו) שטייט: די פרויען וועלכע נעמען לייכטזיניג אַזעלכע האַרבע איסורים ווי אויפפאַלענדע קליידער, דינע אָדער פאַרביגע זאָקן, איז עס דערפאַר ווייל זיי ווייסן נישט אַז דאָס איז קעגן די הלכה און איז פאַרבינדן מיט פאַרשידענע איסורים. דער וואונדער איז אָבער אויף די מענער

# עם סגלה

און אויף די טאַטע'ס, פאַרוואָס זענען זיי זיך נישט מתבונן אויף די האַרבקייט פון די זאַך, צו פאַרמיידן די פרויען און די קינדער פון די שענדליכע קליידער.

## נאָך אַביסל...

די שיף איז איינגעזינקען. איינער האָט זיך גענומען שווימען מיט אַלע כוחות ראַנגלענדיג מיט די שטורעמדיגע וואַלן. זייענדיג שוין געציילטע מעטער פונעם באָרטן, האָט ער געשפירט אַז זיינע כוחות לאָזן זיך אויס. וועלנדיג זיך מייאש זיין האָבן אים די מענטשן פון באָרטן געשריגן: שטאַרק זיך נאָך אַביסל, באַלד ביסטו געראַטעוועט! זיי זיך נישט מייאש וועסטו אָט אָט גליקליך זיין!

דאָס זעלבע שרייט השי"ת צו די ערליכע פרויען פונעם לעצטן דור: "איר האָט זיך געשטאַרקט ביז יעצט, מיט אידישע שטאָלץ האָט איר געקעמפט קעגן די שווערע נסיונות פון פריצות און גוי'אישע מאָדעס. האַלט זיך נאָך אַביסל! שטאַרקט זיך. נאָך די לעצטע מינוטן פונעם גלות! ווי זיס וועט זיין פאַר די נשים וואָס משיח צדקינו וועט אָנטײַטלען. אויף זיי: "אין אייער זכות בין איך געקומען אויסלייזן אידישע קינדער!" (בנות ישראל עמ' [illegible])

מיר גלייבן באמונה שלימה אין ביאת המשיח. אחכה לו בכל יום שיבוא. יעדעס מאָל די פרוי גייט אַרויס אויף די גאַס, זאָל זי זיך פאָרשטעלן ווי פלוצלונג קומט אָן משיח צדקינו. עס וועט נישט זיין קיין צייט זיך צו גיין טוישן דאָס קלייד, די שטרימפּ, די קאָפּ צודעק, די פאַרב פון פנים.

## טראַכט!

פיל מאָל שטייט די פרוי פאַר אַ נסיון: זאָל איך גיין ברייט און לאַנג, וועל איך דאָך זיין אַראָפּגעקוקט ביי מיין געזעלשאַפט. דאַקעגן אויב איך גיי שמאָל און קורץ, מיט אַ לאַנגע שייטל און אַ געפאַרבטע פנים, בין איך אַרויפגעקוקט און געלויבט.

אַ איד דאַרף אָבער וויסן קלאָר דעם פאַקט: מיט'ן עובר זיין אויפ'ן באַפעל פון השי"ת קען מען נישט זעהן קיין הצלחה. דאַקעגן מיט'ן טוהן דעם רצון השם קען מען נישט דערלייגן און שאָדן האָבן! - ווי עס שטייט אין פסוק (במדבר י"ד), משה רבינו זאָגט צו די אידישע קינדער: **לָמָּה זֶּה אַתֶּם עֹבְרִים אֶת פִּי ה' וְהִיא לֹא תִצְלָח** - פאַרוואָס טוט איר עובר זיין אויפ'ן באַפעל פון השי"ת, דאָס קען דאָך נישט זיין מיט הצלחה! - דאַקעגן זאָגן חז"ל (מד"ר ראה פרשה ד' סימן ה'): אָמַר הקב"ה שִׁמְעוּ לִי שֶׁאֵין אָדָם שׁוֹמֵעַ לִי וּמַפְסִיד - "השי"ת זאָגט, הערט מיך צו, קיין מענטש האָט נישט שאָדן דורכ'ן פאָלגן מיך!"

אויב די פרוי טוט זיך קליידן,
צניעות'דיג, אידל און באַשיידן,
לויט די פאַרשריפטן פון הייליגע באַבע און זיידן,

טוט זי דערמיט די שונאי ישראל פאַרשניידן,
זי וועט זעהן נחת פון די קינדער און פריידן,
וועלכע וועט דערהייבן איר שטול און ליכטיגע גן עדן!

# עם סגלה

**הִגִּיד לְךָ אָדָם מַה טּוֹב וּמָה ה׳ דּוֹרֵשׁ מִמְּךָ כִּי אִם עֲשׂוֹת מִשְׁפָּט וְאַהֲבַת חֶסֶד וְהַצְנֵעַ לֶכֶת עִם אֱלֹקֶיךָ** (מיכה ו׳) - ״איך וויל דיר זאָגן מענטש, וואָס איז גוט? וואָס וויל השי״ת פון דיר? נאָר צו טוהן גערעכטיגקייט און ליב האָבן חסד און גיין צניעות׳דיג מיט דיין באַשעפער!״

## פנימה

חז״ל זאָגן: בקושי התירו תכשיטים לאשה שלא תתגנה על בעלה - ״פאַר אַ פרוי איז נישט מותר זיך צו באַצירן, נאָר פאַר איר מאַן!״ - ווען אַ מענטש זאָל אַרויסגיין אויף די גאַס מיט ״פידזשאַמעס״ וועט יעדער לאַכן. וויפיל דאַרף מען לאַכן (אָדער וויינען) ווען די פרוי גייט אויף די גאַס שיין באַצירט וואָס אין אמת׳ן איז דאָס ספּעציעל געמאַכט נאָר זייענדיג אין שטוב!...

דער מדרש (תנחומא, וישלח) פרעגט: וויאַזוי איז דער דין צי אַ פרוי מעג אַרויסגיין אויף די גאַס אום שבת מיט אַ ״עיר של זהב״ (ד.מ. אַ גאָלדענע צירונג פון יענע צייטן וואָס איז געווען שטאַרק אויפפאַלענד)? - האָבן די רבנן געענטפערט: ״אפילו אינדערוואָכן טאָר מען אויך נישט! ווייל דאָס איז אויפפאַלענד און ציט דעם אויג פון פרעמדע מענער. צירונגען זענען נישט געגעבן געוואָרן פאַר די פרוי נאָר זיך צו באַצירן אין איר שטוב!״

דער ארחות צדיקים (שער הגאוה) שרייבט: די פרוי וועלכע טוט זיך שיין באַצירן גייענדיג אין די גאַס פאַר פרעמדע מענער, איז איר שטראָף זייער גרויס!

אין ספר שמחת הנפש (דף ק״ב) שטייט אַ מורא׳דיגע זאַך, אַז אויב די פרוי רופט אַרויס בליקן פון פרעמדע מענער דורך איר קליידונג אָדער פירונג, איז דאָס אָנזעהבאַר אויף אירע קינדער ח״ו.

אַ מורא׳דיגע מדרש געפינען מיר (מדרש רבה וישלח פ׳ א׳), אַז ווייל לאה אמנו איז איינמאָל אַרויס פון איר געצעלט אָנגעצירט אויף די גאַס אַקעגן צו גיין יעקב אבינו - כאָטש איר ריינע כוונה איז געווען לכבוד איר הייליגן מאַן - איז זי ביטער געשטראָפט געוואָרן שפּעטער אַז שכם האָט פאַרכאַפּט איר טאָכטער דינה.

אַן אַנדערע מדרש ערקלערט אונז (בראשית רבה פרשה פ׳ אות ד׳), אַז דאָס וואָס האָט פאַסירט מיט דינה די טאָכטער פון יעקב אבינו, וואָס זי איז אַרויס אויף די גאַס און שכם האָט איר פאַרכאַפּט, וואָס דאָס האָט גורם געווען גרויס צער פאַר יעקב אבינו און פאַר די שבטים, איז געקומען צוליב דעם וואָס דינה גייענדיג אויף די גאַס האָט זיך איר אַרבל אַביסל אַרויפגעצויגן. אָט דאָס האָט נעבעך צוגעברענגט דעם גרויסן אומגליק!

עס כאַפּט אַ ציטער! - טייערע שוועסטער, לאָמיר זיך אַמאָל געבן אַ שטעל אָפּ און טראַכטן: וואו איז אונזער כל כבודה? - די פרויען פולן אָן די גאַסן שפּאַצירנדיג געמיטלעך, זייערע קליידער און שייטלען קנאַקן אין די אויגן, (אפילו די ערליכע אידן וואס קוקן אַראָפּ שטויסן אָן זייערע בליקן אין דורכזיכטיגע שטרימפּ), זייער קול שמועסן און לאַכן און קראַכן מיט די שיך ווערט געהערט אין אַלע זייטן. איז טאַקע שוין אָפּגעווישט געוואָרן די לעצטע דענק־צייכנ׳ס פון אַמאָליגן **בַּת מֶלֶךְ פְּנִימָה**? פון **הִנֵּה בָאֹהֶל**? פון **הָאִישׁ כּוֹבֵשׁ אֶת הָאִשָּׁה שֶׁלֹּא תְּהֵא יַצְאָנִית**?!

*

דער הייליגער גאון רבי ר׳ יונתן אייבשיץ זצ״ל שרייט אין אַ דרשה (יע״ד ח״א סוף דרוש י״ב): אידישע טעכטער פרויען און מיידלעך, הערט צו מיין קול, ספּעציעל צו אייך זאָגט דער פסוק, **כָּל כְּבוּדָּה בַת מֶלֶךְ פְּנִימָה**. דעריבער, לערנט אייך נישט פון די שלעכטע וועג צו גיין שפּאַצירן איבער די גאַסן, איבערהויפּט דאָרט וואו עס געפינען זיך מענער און בחורים. איר זענט דאָך בנות מלכים! אייער פּלאַץ איז צו זיצן אין שטוב! אויב פילט איר זיך צו קליין צו דעם טיטול **בת מלך**, אָבער דער מלך פון דער וועלט וויל יאָ אייער כבוד, און צו אַ גרויס כבוד זענט איר צוגעגרייט אויב איר וועט צוהערן צו גיין בדרכי ה׳!

אין ספר גנזי יוסף (דף ק״א) ווערט געברענגט אַז דערפאַר זאָגן נישט די פרויען קיין קידוש לבנה און קידוש החמה, וויבאַלד מען זאָגט דאָס אויף די גאַס איז דאָס שוין נישט די פליכט פון די פרויען, ווייל דאָס איז אַ סתירה מיט צניעות און מיט כל כבודה בת מלך פנימה.

*

דער שינאָווער רב זי״ע האָט אַמאָל אַרויסגייענדיג פון ביהמ״ד געזעהן ווי אַן אַלטע פרוי פאַרקויפט זאַכן. האָט זיך דער צדיק צובייזערט: "וואָס איז דאָס, מיינט איר אַז מלאכים דרייען זיך דאָ, צי מענטשן?!"

לאָמיר ציטירן פון ספר בית יהודי:

"אַ אידישע פרוי האָט שטענדיג געהאַט אַ בושה זיך צו דרייען אויף די גאַס נעבן ווי מענער געפינען זיך, ובפרט צו מאַכן הערן איר קול פאַר פרעמדע מענער. ווען זי זעהט פאָראויס ווי אַ מאַן קומט, ציהט זי זיך צו די זייט. אין אַן עסן געשעפט וואו דער געדרענג איז גרויס, גיט זי שטאַרק אַכט אויף איר צניעות, און איז ענדערש מוותר אויף איר געברויך ווי מכשיל צו זיין אַנדערע דורך איר."

פאַרהאַן אַ מאמר החכם: **הַשֵּׂכֶל הִיא הַבּוּשָׁה, הַבּוּשָׁה הִיא הַשֵּׂכֶל** - ״קלוגשאַפט ברענגט בושה, בושה איז אַ צייכן אויף שכל!״ - דער נאַר שעמט זיך נישט, אַ בהמה פון שטאַל, אַן אָקס, פערד, שעמט זיך פון גאָרנישט. אַ קלוגער מענטש האָט די געפיל פון בושה (אויפ׳ן ריכטיגן אָרט), צוריקגעצויגנקייט, באַשיידנקייט. דאָס איז פון די דריי גאָלדענע סימנים פון אַ אידיש קינד: 1) רחמנים 2) ביישנים 3) גומלי חסדים.

אַ סימן אויף אַ פרוי צי זי פאַרמאָגט דעם ריכטיגן צניעות געפיל איז, אויב אירע קליידער זענען פון איינפאַכע קאָלירן נישט שרייענד, ווייל אויף דעם שטייט נישט אין די פוסקים קיין שיעור (חוץ רויט), און עס איז ניטאָמאָל שייך צו געבן אַ שיעור דערויף, דאָס ווענדט זיך דירעקט אין ערליכע געפילן פון באַשיידנקייט.

*

וועלכע קאָליר קלייד (חוץ רויט) איז אויפפאַלנד? וועלכע סטייל קלייד איז אויפפאַלנד? ווי הויך איז די קול אויף די גאַס אויפפאַלנד? - אַ חשוב׳ע מחנכת האָט געגעבן אַ ״גראַד״ וויאַזוי צו מעסטן די אַלע זאַכן. אויב די פרוי מוז אַמאָל צוליב אַ סיבה אַריבערגיין אַ שלעכטע געגנט וואו עס דרייען זיך אומגעוואונטשענע עלעמענטן, וואָס דאַן פרובירט זי צו זיין ווי ווייניגער מערקבאַר און ווי מער באַשיידן און איינגעצויגן, אָט אַזוי דאַרף אַ אידישע פרוי גיין ווען זי מוז גיין אויף די גאַס וואו עס געפינען זיך אידישע מענער!

אַן אַנדערע ״גראַד״ שרייבט דער של״ה הקדוש (אות צניעות): אַ מענטש זאָל נישט טוהן אַ זאַך וואָס ער וואָלט נישט געטוהן אין אָנוועזנהייט פון משה רבינו און די זיבעציג זקנים!

> רעדנדיג אַמאָל איבער דעם פּראָבלעם וואָס מ׳שיקט די טעכטער אַרבייטן אין אָפיסעס צו פאַרדינען געלט, האָט הגה״צ רבי ישכר בער ראטענבערג זצ״ל אבד״ק וואודיסלאוו געזאָגט דערויף אַ קלוגן משל:
>
> אין בית המדרש קאָכט אַ קעסל מיט הייסע קאַווע פאַר׳ן ציבור יעדן אינדערפרי. ווען דער ציבור האָט זיך פאַרגרעסערט און דאָס קעסל איז נישט גענוג געווען, האָט דער שמש צוגעטשעפּעט צום קעסל פון אונטן נאָך אַ קראַן, אַזוי אַז מ׳זאָל קענען נעמען נאָך קאַווע פונעם קעסל. האָט מען עפּעס פאַרדינט דערפון?...
>
> דאָס זעלבע מיט אונזער ענין, די פרנסה איז שוין אָנגעשריבן פונקטליך אויף די האָר, די טאָכטער גייט אין אַן אָפיס איז דאָס נאָך אַ קראַן פון וואו עס זאָל זיך גיסן, אָבער אינעם קעסל ווערט נישט צוגעלייגט קיין טראָפּ!... (וועלכעס פאַרשטענדליך אַז השתדלות צו פרנסה בדרך היתר איז דער מענטש מחויב, דאָס איז נישט אין דעם כלל).

קיינער זאָל זיך נישט שפירן געטראָפן
ווייל דאָס איז נישט דער ציל וואָס מיר האָפן
יעדע אידישע פרוי זאָל מאַכן איר פלאַן
לויט די אָנווייזונג פון איר חשוב'ן מאַן!

**אָנָּא שׁוּב מֵחֲרוֹנְךָ וְרַחֵם סְגֻלָּה אֲשֶׁר בָּחָרְתָּ** (תחנון לשני וחמישי) - "באַשעפער, קער זיך אום פון דיין צאָרן און דערבאַרעם זיך אויף דיין ליבלונג וואָס דו האָסט אויסדערוועלט!"

## דעת תורה

אין מיין ספר פרי מגדים אויף או"ח האָב איך נוטה געווען לקולא. אַצינד אָבער האָב איך זיך מתבונן געווען אין די פוסקים... סך הכל, אַ שייטל איז לויט מיין מיינונג אַן איסור גמור צו גיין מכמה טעמים... וואָספאַראַ הנאה האָבן זיי דערפון. די וואָס פאָלגן וועט קומען אויף זיי ברכת טוב. (הפרי מגדים בספרו אם לבינה אות "כתובה" ואות "צעיף" וחזר ממ"ש בפרמ"ג באו"ח)

די נשים מאַכן נייע מנהגים אַז זיי גייען מיט שייטלען וועלכע זענען גלייך צו האָר וכו', איך בעט און איך וואָרן אַז זיי זאָלן מער נישט גיין דערמיט, און דאָס וואָס מ'איז שוין געגאַנגען דערמיט ביז יעצט, זאָל דער דערבאַרעמדיגער באַשעפער מוחל זיין! (הגה"ק בעל ייטב לב זי"ע בייט"פ ח"ב מאמר דורש טוב אות ד')

ווען איך בין געווען ביי מיין שווער ז"ל (דער ברוך טעם פון לייפניק) האָט זיך נישט געפינען אין גאַנץ דייטשלאַנד אַ חשוב'ע פרוי וועלכע זאָל גיין מיט אַ שייטל, נאָר עטליכע פון די שוואַכסטע סאָרט זענען געגאַנגען דערמיט און זיי זענען געווען צו שאַנדע. און אַצינד האָט זיך ליידער צושפרייט די שייטלען וועלכע שטאַמט פון די אפיקורסים. (הגה"ק מצאנז זי"ע בשו"ת דברי חיים ח"א יו"ד סי' ל')

אַצינד זעה איך אַז איך מוז זאָגן קלאָר, אַז עס איז אַן איסור גדול פאַר אידישע טעכטער צו גיין מיט בגדי פריצות און מיט אַ שייטל. יעדער איד איז מחויב צו שטערן דאָס ביי זיין שטוב מיט'ן גאַנצן כח. השי"ת זאָל זיך מרחם זיין און אָפּטוהן די שטרויכלונג פון אונז. (הגה"ק משינאווא זי"ע בדברי יחזקאל בדרוש לשבועות)

יעדער וועלכער לערנט שולחן ערוך מיט יראת שמים, זעהט גוט אַז עס איז נישט קיין חילוק צווישן אייגענע האָר און אַ שייטל. דעריבער דאַרף יעדער איד גוט אויפפאַסן אויף זיין שטוב אין דעם געביט. (הגה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע, מובא בקונטרס דיבורים קדושים)

דער כח פון עמלק טוט איבעררעדן אידישע פרויען זיך צו קליידן בפריצות, זיי גייען צוביסלעך אַוועק פון דת יהודית, זיי טוען ענדערן דעם וועג פון די ערליכע מאַמעס און טוען זיך אָן שייטלען, איבערהויפט אַזעלכע שייטלען מיט וועלכע מען דערקענט נישט קיין חילוק צווישן אַ פאַרהייראַטע פרוי צו אַ מיידל, וואָס

דאָס איז אַ פריצות און אַן עזות גדול ! (הגה"ק רבי הלל מקאָלאָמייע זי"ע בשיירי משכיל כלל ה' פרט ט')

נעמליך צו טראָגן אַ שייטל וואָספּאַראַ מין אימער, ובפרט צו צירן זיך מיט דעם פריצות פון די פרעכע הוטן, אויף דעם האָט ישעי' הנביא געשאָלטן זיין דור מיט מורא'דיגע קללות. (ספר עת לעשות עמוד ס')

קוקט נאָר וואָס דער פראַנקפורטער רב הגאון בעל מחנה לוי זצ"ל שרייבט, אַז דער בי"ד צדק פון זיין שטאָט איז אַרויס מיט אַ חרם קעגן די נשים אין שטאָט וועלכע גייען מיט שייטלען. אַצינד זעהט וויאַזוי דער דור איז אַראָפּ מיט טויזנט טרעפּ און מער, אַלעס ווייל מ'האָט אָנגעהויבן זיך אַוועקצודרייען מיט קליינינקייטן ! (דברי יואל פר' בראשית)

*

**צודעקן מיט אַ "בענד" הייסט נישט צוגעדעקט. עס איז אַ "לאַנגע אָפּענע שייטל" וואָס דאָס גרעניצט זיך מיט איסורי דאורייתא לויט די גדולי הפוסקים.**

---

ווען יעקב אבינו האָט אויסגעפּאַפּט עשו מיט די ברכות פון יצחק אבינו דורכדעם וואָס ער האָט זיך אָנגעטוהן אַ האָריגע מאַנטל און דער טאַטע האָט געמיינט אַז דאָס איז געווים דער האָריגער עשו, געפינען מיר אין פסוק (בראשית כ"ז) ווי יצחק האָט אים געפרעגט (זענענדיג אַז זיין קול איז צו איידל) "ווער ביסטו מיין קינד?" - האָט יעקב געענטפערט: **אָנֹכִי עֵשָׂו בְּכֹרֶךָ** - "איך בין עשו דיין בכור!" - שטעלט זיך אַ האַרבע קשיא: יעקב אבינו דער עמוד האמת - **תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב** - זאָל זאָגן אַ ליגנט?

נאָר דער תירוץ איז, וויבאַלד יעקב האָט זיך מאָמענטאַל אָנגעקליידט מיט עשו'ס קליידער, אַז מ'גייט מיט בגדי עשו איז מען טאַקע אַן עשו! דעריבער האָט ער רואיג געקענט זאָגן איך בין עשו...

**פאַסט עס?**

ווי וואָלט עס אייך אויסגעזעהן:

- אַ הערליכע געדעקטע טיש פאַר אַן אויבנאָן ביי אַ חתונה, שעגסטע געפּוצטע טאָרטן אַרויפגעלייגט, אָבער... אָן אַ טישטוך...
- אַ הייליגע "ספר תורה" איינגעוויקלט אין פּראָסטע ביליגע שטאָף...
- אַ פּיצל קינד איינגעפּאַקט אין צייטונג פּאַפּיר...
- ווען טייערע דימאַנטן וואָלט מען געטראָגן אין אַ דורכזיכטיגן פּלעסטיק זעקל...

ווי קאָמיש מאָדנע איז ווען אָט די טייערע זאַכן ווערן געפירט אין נישט פּאַסיגע כלים?

דו, וואָס דיין אינהאַלט איז טייער אומשאַצבאַר, איז דיין צודעק געגוג מכובד'יג?

## וואָס ליגט באַהאַלטן אונטער דעם פאָן?

מיליאָנען מענטשן אין די גאַנצע וועלט האָבן אין יענע נאַכט נאָכאַנאַנד געקוקט צו די לבנה, ווי מען וואָלט עפעס געקענט פון אונזער וועלט זעהן וואָס דאָרט שפילט זיך אָפּ. אין אַלע זייטן האָט מען מיט נייגער געקוקט אויף די בילדער וואָס זענען געמאַכט געוואָרן ווען אַ מענטשליכע פוס האָט דאָס ערשטע מאָל געטרעטן אויף די לבנה.

אויף וועלכע בילד האָבן די אַמעריקאַנער בירגער געקוקט מיט'ן גרעסטן מאָס שטאָלץ און צופרידנהייט? אויפ'ן בילד ווי מען זעהט דעם אַסטראָנאַט אַריינשטעקן דעם אַמעריקאַנער "פאָן" אין די פוסטע זאַמדיגע ערד פון די לבנה.

*

אַסאַך כוחות און אַרבעט האָבן די בריטישע פּאָליציי אַריינגעלייגט אין די גרויסע אונטערנעמונג צו טרעפן דעם פאַרשוין. זיי האָבן נאָכגעקוקט אַלע מעגליכקייטן, שפּיאָנירט אין אַלע זייטן, אַבי צו טרעפן און שטעלן צום משפט און באַשטראָפן מיט אַ האַרבן שטראָף דעם פאַרברעכער. וואָס אייגנטליך איז געווען זיין פאַרברעך? ער האָט פאַרברענט דעם פאָן פון די ענגלישע מדינה!

וואָס איז אַ פאָן? אַ שטיקל סחורה!

וואָס איז אָבער זיין חשיבות? ווייל דער פאָן ווערט אָועקגעשטעלט אַלס סימבאָל פון די לאַנד, און דעמאָלטס באַקומט עס שוין גאָר אַן אַנדער ווערד ווי אַ שטיקל סחורה...

*

פאַרוואָס דאַרף מען רעדן אַזויפיל פונעם אידישן לבוש? וואָס איז עס אייגנטליך? אַ שטיקל סחורה!

אָבער ווען אַ מענטש וויל זיך אַרויסווייזן, באַווייזט ער זיך מיט'ן לבוש. דערפאַר באַקומט דער לבוש גאָר אַ גרויס חשיבות.

אַסאַך מאָל הערט זיך די פראַגע: וואָס וועט שוין צוגעבן אויף מיין קלייד נאָך אַן אינטש סחורה צו די ברייט אָדער צו די לענג? פון וואָס רעדט זיך דאָס אינגאַנצן? עס איז דאָך נאָר אַ שטיקל סחורה, וואָס איז עס אַזוי וויכטיג?

ווייל די שטיקל סחורה "דער לבוש" איז דער סימבאָל פון דעם מענטש! דער פאָן! אויף דעם חשוב'ן סימבאָל דאַרף מען היטן עס זאָל טאַקע אויסזעהן ווי עס דאַרף צו זיין!